STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09893

A FAYFL IN FRIMORGN

Kehos Kliger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קעהאָס קליגער

אַ פייפל אין פרימאָרגן

פון זעלבן מחבר דערשינען:

„געזאַנג אַף דער ערד“ (לידער און באַלאַדן), 1941

„מיט ליב און לעבן“ (לידער און באַלאַדן), 1943

גרייט זיך צום דרוק:

„שוואַרצע רויזן“ (נעגער-לידער)

קעהאָס קליגער

אַ פּויפּל אין פּרימאָרגן

אַרויסגעגעבן דורך
„פריינט פון דרום - אמעריקע"

בוענאָס איירעס
1 9 4 4

הילע און פאטא:

יוסף ראטנער

IMPRESO EN LA ARGENTINA

A FAIFL IN FRIMORGN

(POEMAS LIRICOS)

Por **KEHOS KLIGER**

BUENOS AIRES, 1944

זוננל'

גיי אויף, ליד מיינס

גיי־אויף, ווי גראָז אין פעלד, אויסגעבענקטע ליד מיינע
אויפן ווילדן דערנער־סטעפּ פון מיין דור, —
בלי־אויף, ווי זוניק זאַפטיקער שפּראָץ
אויף דער פאַרקאָוועטער ערד פון מיין טרויעריקער וואָר.
אויפן צאַרטן האַלדז פון מיין טרייסט ליגט אַ חלף רויט פאַרשניטן
און די לעצטע רגע האָפענונג שטאַרבט־אָפּ ערב געבורט,
ווי אַ װלד אין דער מאַמעס טראַכט.
די ווינטן וויינען אין מיין פענצטער מיט אַלע שרעקן פון אונטערגאַנג.
די נעכט ציען זיך ווי שוואַרצע לוויה׳ס
דורך דער אָפענער טיר פון מיין אויסגעטרויעטער וועלט,
כאָטש בריאיק זיינען מיינע בלוטן,
יונגהירשיק מיינע פיס צו מונטערגאַנג
און קאָכעדיק זידט דער אָטעם אין די אָדערן פון מיין פשוטן,
מיין פראָסטן מענטשלעכן געמיט.
גיי־אויף, ליד מיינס, ווי שטילע ראָסע אין מאַגישע נעכט,
בלוי קעגן די שטערן פון מיין אומעט,
זילבערדיק קעגן דעם סערפּ לבנה,
וואָס גליט־אויס אין מיינע בלויע אָפּלען
די ליבשאַפט צו מיין פאַרשלאָסענער ערד.
אויף די פליגל פון דער שוואַרצער וועלט־נאַכט
בענקט אויס מיין האַרץ די ליכטיקע בענקשאַפט צום לעבן, —
אַ בענקשאַפט, וואָס רייסט זיך פון יעדן גליד מיינעם
און שרייט אַריין אין פינצטערן הלל נאַכט אַ וואָרט אַזאַ,
וואָס וויל ווערן פלייש,
וואָס וויל ווערן לייב,
וואָס וויל ווערן מאַרך און ביין.

פֿאַרגעסענע זאַנגען

I

אין מיין היכל-האָרץ האָט יאָרן געפּליסטערט
אַ פרײדיקע שטים,
האָט יאָרן געגעסטיקט
אַ זוניק לויבן.
האָבן טעג און נעכט פון אומעט
דאָרט צעוויינט אַ לירע,
וואָס שפּילט איצט אוים ניגונים —
לירישע תפילות,
פון מיין פרייד, —
פון מיין גאַנצן לעבן.

II

וועלט! כ'האָב דיך ליב אויך דאַן,
ווען דו וויקלסט זיך אין שלייערן פון נאַכט,
ווען ביסט אין שאָטן איינגעדעקט,
ווי איך אַליין אין פינצטערן געמיט.
וועלט!
כ'וועל היינט מיינע פענצטער צעפּראַלן צו דער זון,
וואָס שטראַלט און גליט;
כ'וועל שטיין פאַרטראַכט
מיטן פּנים צו איר געווענדט
און אויסשווייגן די בענקעניש אָן ענד —
פון מיין נאַכט.

III

כ׳וועל היינט ניט קומען אין שטאָט,
פֿאַרבענקט צו אַ זוניקער וועלט, —
וועל איך זיך איינהערן צו מיין זינגענדיקן בלוט.

כ׳וועל היינט יעדן שליאַך און וועג
אַוועקשענקען מיין בעסט פֿאַרמעג:
דאָס זילבער פֿון די נעכט, דאָס גאָלד פֿון די טעג.

כ׳וועל היינט ליגן שטומערהייט,
ווי אַ גרינבאַגראָזט שטיק פֿעלד;
ס׳האָבן זיך אין מיר צעעפֿנט פֿולע קנאָספּן פֿרייד.

IV

טאָג! דיין לויטערקייט דערשטיקט מיין בלוט,
רייסט אויף מיין אויג אין בלויען וואונדער, —
וועל איך דיך אויסטרינקען ביזן דנאָ,
ווי שבת־ווײַן אין פראָסטן אינדערוואָכן.
מיין געמיט, סייווי, צו אַ לאָם געגליכן,
פאַרבענקט צו דער שקיעה פון איר וועלט –
דער פאַרגייענדיקער.
די נאַכט ציט, ווי אַ מקונן,
מיט קלאָג אויף די דלאָניעס;
בלויז פון דיינע קאַיאָרן, טאָג,
רינען אַזעלכע ליכטיקע טראָפּנס,
ווי די ראָסע אין אָסיענדיקן גראָז –
דער טיפסטער באַגער פון אויפגיין.
דיין לויטערקייט דערשטיקט מיין בלוט
און פול בין איך, ווי דו —
מיט דער קלאָרער ראָסע פון יצירה.

V

אויף דער שוועל פון מיין טאָג שטייט די וועלט,
ווי אַ בלויע קרוין מיט זוניקע בורשטינען, —
שווייג איך אום מיין בלויע פרייד
אין שטילע זוניק-זיניקע רייד,
ווי דער בלויער שטיק הימל פאַר מיין ערשטן בליק,
ווען איך עפן-אויף מיינע אויגן
נאָך דער שווערער נאַכט פון מיין געמיט:
אָ, וועלט, איך בלאַנקע-אום אין בלויען דרימל
דורך די קאַיאָרן
און דורכן דעמער פון מיינע טעג און נעכט,
וואָס צעוויקלען זיך און בליען,
ווי קנאָספּן אין מיין בלוט
מיט אַלע הייסע בענקשאַפטן פון אַ מענטשן,
וואָס צאַפּלט אין די הענט פון זיין גורל
און וויגט זיך אויף די כוואַליעס
פון זיין אייגענעם באַראָט.

VI

די זון כלינעט מיט אַזויפיל זומערדיקן גאָלד
אויף מיין יונגן קאָפּ,
וואָס טוליעט זיך צומאָל אַזוי זקן-מיד
אין קאַלטן שוים פון אומעט, —
יענע פאַרנעפּלטע שעה'ן פון מיין לעבן,
פאַר וועלכע כ'האָב נאָך ביז איצט
קיין קלאָרן באַשייד ניט געפונען, —
כאָטש מיינע דריי צענדליק יאָר גרויען שוין מיט בערד
און זייער צייטיקע רייפקייט ווארט,
ווי די ברוין-ברויטיקע זאַנג
אויפן סערפּ פון דערלייזונג — — —
און דאָס זוניקע גאָלד פליצט אַלץ אַריין
אין מיינע גרוי-בערדיקע יאָרן,
כאָטש ניט איינמאָל וויגט זיך מיין יונגער קאָפּ
אין שוים פון קאַלטן אומעט.

VII

אין מיין בלוט רינט דער זאַפטיקער סאָק פון מיין זיין.
מיט זילבערנעם ציטער,
מיט גאָלדענער שיין
גיי איך אויף דורך מיין עלנט אין געזאַנג,
צעשיט איך אויף וועגן דעם דינעם קלאַנג,
צעוואָרף איך פון געמיט מיינס פלאַמיקע שפּליטער.

אין מיין בלוט פלייצט דער זודיקער שוים פון מיין פרייד.
אין אויפגאַנג מיט לויטערער שטים,
שטילערהייט,
שטיי איך קעגן זוניקער וועלט,
ווי אַ קינד פון גוטסקייט צעהעלט
און פאַרזיי מיין פרילינג מיט ליכט רינג־אַרום.

VIII

טעג, ווי גלעזער ווײַן
גיסן זיך אין מײַן לײַב אַרײַן, —
וואַקל איך מיך אום אויף וועגן
ביז נאַכט קומט מיר אַנטקעגן.
דערזע איך לינקס אַ שטילן ברעג
און ווײַט אַ טײַכל פֿליסט אַוועק;
ליג איך בײַ דעם ברעג אַליין,
טראַכט: וואָס קאָן נאָך בעסער זײַן?
כ׳ציִיל די שטערנדלעך אין טײַך
און בין גליקלעך, בין — רײַך...

IX

גייט אַ טאָג, קומט אַ צווייטער אָן
מיט בלויען פלאַטער, ווי אַ בלויע פאָן
און דאָ, דאָרט, רינגאַרום,
אַזאַ געפלייץ פון ליכטיקייט און זון, —
כאַטש נעם די אָדערן רייס־אויף
און טרינק זיי אָן און זויף
אוים דאָס גאַנצע ביסל בלוי געטראַנק
און פאַל אַוועק אין מיטן גאַנג,
אין מיטן גאַס אַקעגן יעדן בליק,
ווי אַ שיכור, כוליגאַן
און רעווע־אוים דעם פיין,
צוק־אוים דעם לעצטן דינסטן צוק
פון הפקרדיקן לייב און לעבן דיינס,
וואָס פאַרגייט, ווי דאָס בלוי פון טאָג
און קומט ניט מער צוריק,
קומט ניט מער צוריק...

X

כ׳בין יונג און שטאַרק און רוישיק ווי אַ טייך
מיט כוואַליקע וואַסערן ערב וועסנע-צייט;
כ׳בין אַליין דער קוואַל, וואָס ווייסט ניט קיין רו,
כ׳בין אַליין דאָס ליד, כ׳בין אַליין די פרייד.

האָב איך הענט צעוואָקסענע, צוויי שטאַרקע הענט,
גרינבאַאָדערטע, ווי גרינע צווייגן צוויי, —
הענט, וואָס צערטלען ליב, גלעטן מילד און צאַרט,
הענט, וואָס אויך דערוואַרגן קענען זיי!

כ׳בין יונג און שטאַרק און אויגן האָב איך צוויי,
ווי שטיקער הימלען בלוי-וואָלינער צעהעלט, —
טראָג איך זומערדיקן אָטעם אין מיין לייב,
שפרייז איך אַ צעזונגענער צו אַ זינגענדיקער וועלט.

XI

קאָן זיין, אַז ווייט,
אַז ווייט, ערגעצוואו אין דער וועלט,
אַ דאָרף ליגט צעבלויט און צעהעלט
שטילינקערהייט;
אַ כאַטקעלע קליין,
וואָס פירט צו אַ לויטערן טייכלם אַ ברעג
דרימלט ביי אַ טויאיק-גרינגראָזיקן וועג
און ביי לבנה-שיין,
פאַרשוויגענערהייט, —
אַ פישער מיט וועגטקע פונעם וואַסערל קלאָר
פאַנגט זילבערנע פישלעך אין טרוימיקן וואָר —
מיין גליק און מיין פרייד.

XII

אַ בלעטעלע — אַ ביימעלע, אַ וועלדל וואו צעגרינט, —
בין אַ יונג צעזונגענער, צעפלאַטערט, ווי דער ווינט.

דאָ — פעלדער קאָרנווייצענע, גאָלדזאַנגיקע פאַר שניט, —
בין פאַרבענקט צו זוניקייט, גרין איז מיין געמיט.

דאָ — אַ שליאַך צעלאָפּענער, בלום-גראָזיקער געהילט,
דאָרט אַ קוואַל אַ זילבערנער, רו, דער דאָרשט געשטילט.

אַ טייכעלע — אַ שפיגלדיקס, אַ שיפעלע — אַ וועג, —
פירט מיך אַ קליין שיפעלע צו אַ ליכטיק-וויטן ברעג.

שפּאַן איך שטעגן־וועגן אוים אויף אייגענעם באַראַט,
אויף מיין האַרץ אַ שלעסלע, אין מיין האַרץ — אַ סוד.

XIII

נאַכט!
כ'וועל נישט שפּאַנען היינט מיט דיר,
ווי תמיד געאָרעמט —
צוויי שאָטנס;
כ'וועל היינט שטיל זיין,
אַזוי רואיק,
פאַרשוויגן,
שטום און פאַרטראַכט,
ווי דאָס גרינקעפּלדיק ביימל,
ווי דאָס טוי-פייכטע בלעטל —
כ'האָב זיך פאַרבענקט.
נאַכט!
וועסט היינט מיך נישט לאָקן,
נישט געווינען מיין נייגער
מיט פאַרבן,
קאָלירן;
מיין אויג וועט נישט גאַפן,
נישט שטוינען;
מיין לייב וועט נישט דראָלן
פון שרעק און פון צויבער,
נישט ווערן פון וואונדער
מיט פרייד אָנגעקוואָלן —
כ'האָב זיך פאַרבענקט.
נאַכט!
כ'וועל היינט שפינען די גאָלדענע פעדים
פון שטילינקן אומעט
פון דינינקן טרויער,
און וועבן —
וועבן דעם טרוים פון די בונטע אמאָלן —
כ'האָב זיך פאַרבענקט!

XIV

טוליע, שוועסטערל מיינס, דיין גאָלדגעקרויזטן קאָפּ
צו מיין האַרטער מאַנסביל-ברוסט,
שנייד אַריין שאַרף און טיף
דיינע מילך-ווייסע ציין
אין מיין הייסן לייב;
זויג מיין בלוט
טראָפּ נאָך טראָפּן,
ווי אַלטן שטאַרקן וויין
ביז ווערן וועסטו אָנגעטרינקען,
אָנגעשיכורט
און ס׳וועט דיין דאָרשט פאַרגיין.
זע, שוועסטערל מיינס, זע:
ס׳נויגט דער טאָג זיך צו דער נאַכט,
אַ שטילער אָוונט קומט, —
בלייבט דער הימלראַנד רויט,
אומעטיק-פאַרטראַכט
און גייט אויס,
ווי איך,
ווי דו,
ווי די גאַנצע וועלט
פון ליבשאַפט
און פון בענקשאַפט —
נאָך זון!

1930

אין פּאַרטאַניקן בלוי

I

עפנט אויף די וועלט איר פאַרשלאָפן אויג,
רינט פון די בלעטער ליכטיקער טוי;
כאַפּט זיך אויף אַ גרעזל, נאָגט און זויגט:
ברוך הוא וברוך שמו —

עפנט אויף די וועלט איר בלוילעך אויג
איבער פעלד אין פאַרנעפּלטן גרוי, —
דאַוונט אַ ביימל, וויגט זיך און בויגט:
ברוך הוא וברוך שמו —

עפנט אויף די וועלט איר זוניק אויג,
ווערט מיר דערפון דאָן גוט אַזוי
און איך — מיין קאָפּ פרום אים פאַרנויג:
ברוך הוא וברוך שמו — — —

II

כ׳וועל מיך אויפהויבן פון אָוונטיקן שטויב,
פון מיין געלעגער — צוקאָפּנס מיט שאָטנס
און אויסברעכן צום טאָג די פינצטערע שויב
פון מיין וועלט אין פּיין אויסגעקנאָטן.

און אויסציען וועל איך מיינע הענט, צוויי הענט
אַזעלכע, וואָס וועלן אַלע ווייטן דערגרייכן
און רייסן די זון, וואָס כ׳האָב ביז איצט נישט געקענט,
פון די בלוי־אויסגעבענקטע הייכן.

יאָ, כ׳וועל מיך אַ הויב טון פון נאַכטיקן שטויב
אויף צוויי פיס, יונגע און קרעפּטיק, —
אַרויס צו דער וועלט מיט שירהדיק לויב,
מיטן טאָג מיין גורל באַהעפטן.

כ׳וועל אַרויס צו מיין וועלט און זאָגן צו איר,
ווי קיינמאָל אין מיינע ביזאַהעריקע יאָרן:
זע, אָט שטיי איך אַ נייער פאַר דיר,
אין מיין ווייטיק אַ נייער געבאָרן.

III

ליגט נאָך דער שלאָף אויף ביימלעך אין ראָג,
אַ היימלאָזער אויף שוועלן נאָך דרימלט, —
נאָר איבער מיין שטאָט, איבער שטיין און שטאָק,
רייסט זיך אויף דאָס פאַרטאָגיק געטומל.

זאָג איך צום היימלאָזן אַזוי און אַזוי:
הער, ברודער, דערוואַך פון דיין דרימל, —
אָט וועט זיך אַ צי טאָן מיט ליכטיקן בלוי
איבער אונדז אַזאַ זוניקער הימל;

אָט וועט שוין אַ פלייץ-טאָן אויף ראָגעס און ראָג
אַזאַ אָטעם פון ערדישן לעבן, —
איז לאָמיר אינצווייען באַגעגענען דעם טאָג,
וואָס וועט זיכער אַ חלק אונדז געבן.

און כ׳טריף אַריין מיט פערזיקן ליד
מיין פרייד אין זיינע עלנטע בליקן:
קום, לאָמיר פון אונדזער ענלעך געמיט
די אומעטיקע רעשטלעך דערשטיקן.

IV

שפּרייז איך צעזונגען אין העלן אינדערפרי
מיט צעקנעפּלטן העמד און צעבונדענעם טראָט
און ס׳פּאַלט אויף מיין לייב דער הייסער גלי,
דער ראַשיקער טעמפּ פון מיין שטאָט.

אין רוישיקן טעמפּ, אין טעמפּן גערויש
פון גאַסן, פון אויטאָ, פון וואָגן און פערד,
הער איך טענער פון פרייד אין אייביקן טויש
אַזוי אייביק, ווי ס׳איז הימל און ערד.

זאָג איך „גוט-מאָרגן" איעדן אין גאַנג:
אַ בוים, אַ מויער, אַ וואַנט און אַ שטיין — — — —
און ס׳ענטפערט מיר אַלץ מיט טיפן געזאַנג
אַזוי פשוט און פראָסט צו פאַרשטיין.

— העי, — שריי איך אַריין אין רויש פון דער שאָט, —
נעמט אויך מיט זיך מיין פריידיק געמיט,
ווען אין צעשפּילעטן העמד און צעבונדענעם טראָט,
שפּאַנט אַזאַ מענטש מיט פאַרכלינעטן ליד;

שפּאַנט אַזאַ מענטש מיט ווינטיקן קאָפּ,
מיט ליכטיקן אויג, מיט שמייכל צעבליט
און רייסט די זון פון די הייכן אַראָפּ
צום פראָסטן ריטם פון זיינע ערדישע טריט.

V

גייען אויף די אַקסן פון זוניקן ראַד
איבערן זאַנגען־פעלד אין פּאַרטאַגיקן בלוי, —
גיסן זיך אַן די זאַנגען אין ראָז,
די נידעריקע דעכער פון שטרוי.

וואַקסן די בערג אַלץ העכער אַרויף
פון געדיכטן נעפּלדיקן גרוי, —
וואַשט זיך אַ זעמדל, אַ שטויבל
אין ראָז־ברילִיאַנטענעם טוי.

שטיי איך אין שייטער פון ראָזן שיין,
צום רונדיקן זונפלאַם געווענדט, —
זוערט ראָז מיין פּנים, מיין ברוסט,
מיינע אויסגעשטרעקטע הענט.

דאַכט מיר: כ׳רייס זיך אָפּ פון דער ערד,
אויפן זוניקן וואָגן איך רייט, —
כ׳טראָג מיך אַוועק איבער באַרג און טאָל
אין דער ראָזער אייביקייט.

VI

אָט פיל איך: כ׳גיי אויף, כ׳יער,
ווי אַ הרודע ווינטערדיקע ערד,
וואָס טוט זיך אַ ריס, אַ באַוועג
אין זוניקן אָנפלייץ פון טעג.

איבער מיין לייב פיל איך דעם ברי
פון אַקעראייזנס טיפן שניט
און פרייד פון וואוקס, פון באַשאַף
רינט איבער מיר, ווי זאַפט.

און איך שווייג, ליג שטיל און שווייג
אין בענטשונג, ווי אַ פרילינג-צווייג,
אויף וועלכער ס׳האָט זיך פלוצים צעשיט
אַ ווייסער ליכטיקער צוויט;

אויף וועלכער ס׳האָט זיך צעגרינט
דאָס גליק פון אַ וועסנע-באַגין
און ס׳קנאָספּיקט שוין זאַפטיק-זאַט
יעדעם בלעטל און בלאַט.

VII

אַ טראַט — אַ קלונג, אַ טראַט — אַ זונג,
אונטער מיינע פיס זינגט די ערד מיט וואָר,
דאַכט מיר: כ׳בין נאָך בויגיק און יונג,
כאָטש ס׳שיט זיך דער גרוי פון מיינע האָר.

אַ שפּאַן — אַ קלונג, אַ שפּאַן — אַ זונג,
פיל איך אַזוינס, וואָס כ׳האָב ביז איצט נישט דערפילט,
מיר דאַכט: כ׳בין נאָך אַלץ דער וואָלינער יונג
מיט פלייטן אין בלוט — צעזונגען, צעשפּילט.

אַ שפּרייז — אַ קלונג, אַ שפּרייז — אַ זונג,
ציטערט סטרוניקער בלוי אין מיין געביין,
פיל איך: כ׳אָטעם מיט ברייט-ברוסטיקער לונג,
אַז די לופט ריזלט אין מיר, ווי ווייַן.

VIII

מיר איז גוט, אַז כ'קען אין מיין שטייניקער שטאָט
נאָך חלומען פון בלויאינקע שוואַלבן,
וואָס קרייזן די הימלען אין זוניקן בראָט
איבער כוואַליעס פון גאָלדענע גאַרבן.

מיר איז גוט, אַז כ'קען אין מיין זינדיקער שטאָט
נאָך דערזינגען די תפילות פון גראָזן,
וואָס צעדאַווענען זיך שטיל אין דעמערונג-שעה:
„זאָלסט אין שטורעם אונדז, גאָט, נישט פאַרלאָזן".

מיר איז גוט, אַז כ'קען אין מיין גאָטלאָזער שטאָט
נאָך דערהערן פון קנאָספּן די שירה,
ווען זיי צעפּיקן די בלעטער זייער אין גנאָד,
אין גרינעם גנאָד פון יצירה.

מיר איז גוט, אַז כ'קען אין מיין ציגלנער שטאָט
נאָך פאַרנעמען די שפּראַך פון פּייסאַזשן גרינע,
וואָס שפּרייטן זיך ווייט אין וואונדערלעכן סוד,
אין בראשית פון ראָזן באַגינען.

מיר איז גוט, אַז כ'קען אין מיין רוישיקער שטאָט
נאָך דערפילן די לויב פון זילבערנע קוואַלן,
וואָס זינגען דורך בערגלעך, דורך שטייניקן גראָט,
כאָטש זיי נידערן אַראָפּ אַלץ און פאַלן.

1941

תפילה צו אַ בוים

(„כי האדם עץ השדה“, דברים, כ׳)

איך בין ווינציקער פונעם בוים, דעם צעצווייגטן, ביי מיין פענצטער,
וואָס גרינט אונטער דער בלויער הופּה פונעם זוניקן זומער;
איך בין ווינציקער אַפילו פון די צווייגן, די קנאָספּיקע זיינע,
וואָס ער האָט אָנגעטרונקען מיטן מאַרך פון זיין קראַפטיקן שטאַם
און זיי באַבלעטערט מיטן ווייניקן זאַפט פון זיינע וואָרצלען;
די צווייגן, וואָס ער היט און באַשיצט, ווי קינדער, פאַר שטורעמס,
וויגן זיך מיט לעבעדיקן חיות, זינגען צו די ווייטע רוימען
און אַז דער ווינט רייסט אַוועק אַ צווייגל פון זיין גוף,
טרויערט ער טיף-שטיל, נאָר זיין ילל־הדיק בוים-געשריי
איילט און דערלויפט ביז אונטער די זיבן הימלען אַרויף, —
איך בין ווינציקער פונעם בוים, דעם פאַרוואָרצלטן, ביי מיין פענצטער,
ווינציקער פון דער צווייג, פון אַן איינציקן בלאַט זיינעם.

אַלע פרימאָרגן גיי איך פאַרביי זיין צעבלעטערטער רחבות,
כ׳הער און פאַרנעם די פרייד, וואָס שלאָגט פון די וואָרצלען זיינע
ביז הויך אַרויף צו דער קרוין, דער צעוואָקסענער זיינער;
איך הער אפילו דאָס יונג-שטיפערישע געלעכטער פון די בלעטער
אין דער ציטערנדיקער שוץ פון זייער ברייטצעבליטן פאָטער,
וואָס וויגט זיך פון נחת, וואַקסט אַלץ העכער, הרחבהדיקער, —
איך בין ווינציקער פונעם בוים, פון זיינע צווייגן, זיינע בלעטער.
דערדאָזיקער בוים, וואָס ווייסט ער פון אומעט, פון עלנט, פון וואָגל,
וואָס ווייסט ער פון יונגע בלוטן, אָנגעצונדענע פון אומרו? —

שטייט ער, דער בוים, מיט פעסטע פיס אין דער ערד פון זיין בראשית,
דאָ האָט ער דערפילט דעם זיסן קערן פון זיין דערוואַכטן אויפקום,
דאָ האָט ער געעפנט זיין בליק, דערזען דאָס ליכט אונטער די הימלען,
דאָ האָט ער זיך געהאָדעוועט, געצויגן זיין פעטע ערדישע יניקה,

דאָ האָט ער געקראַפּטיקט זיין יונגן בויגעוודיקן גוף,
דאָ האָט ער, אין דראַנג פון וואַקסן, אַריבערגעטראָגן שטורעמס,
די שוואַרצע כמאַרעס איבער זיין יונגן שרעקעוודיקן קאָפּ;
דאָ האָט ער אין די שפּעטע הארבסטן געשווינגן, געטרויערט,
דאָ האָט ער אין די פריע פרילינגס געקנאָספּיקט, געפריידט זיך,
דאָ לעבט ער ביז די עלטער וועט אים פאַרגרויען אין יאָרהונדערטן, —
וואָס ווייסט ער, דער בוים, פון עלנט, פון אומרו, פון וואָגל? —

דערדאָזיקער בוים האָט קיינמאָל נישט געזוכט די פאַרשטויבטע טריט,
די זאַמדיקע שטעגן פון דער וויטער אומבאַקאַנטער פרעמד;
די וועלדער, וויט פון זיין צעצווייגטקייט און פאַרוואָרצלטקייט,
לאָקן נישט זיין דאָרשטיקן נייגער, בריען נישט זיין האָרץ מיט בענקשאַפט
און אַז אַ נאַכט, אַ ווילדע, פאַרציט זיך ווען אויף זיין קרוין מיט חלום,
אַוועקצושפּאַנען אין די נאָענטע בולוואַרן, צו די פאַרקן און סעדער,
זען, הערן, וואָס ברידער, שוועסטער טוען און דערציילן, —
צעוועקט זיך איבער אים אַ גאָלדענער מאָרגן מיט זוניקער טרייסט
און זיין נאַכטיקער חלום רינט אויס, ווי אַ תּפילה אין פאַרטאָגיקן בלוי.
קען זיין, אַז יעדע צווייג וואַרעמט פאַרבאָרגן דעם טרוים פון וואַנדער,
אַז אין יעדן בלאַט ריזלט די דאָרשטיקייט צו הויכע רוימען,
אַז די וואָרצלען רייסן זיך פון דער פינצטערער ענגשאַפט,
שפּאַרן צום אויבערפלאַך, ווילן דערזען דאָס ליכט פון דער זון, —
דערשפּירן איר וואַרעמקייט, דעם ווייכן סאַמעט-גלעט פון הימלבלוי,
נאָר דער בוים, דער אַלטער קלוגער יאָרנזאַטער פאָטער,
האַלט פעסט די קינדער זיינע און מיט באַזאַכטן טרייסטיקן אָטעם
באַהויכט ער די יונגע וואַנדערלוסטיקע קינדער זיינע
און שטיל פאַרדרימלט ער זיי אין שלאָף מיט אַפּשרעק-מעשהלעך
וועגן ווינטן, ווי בערן, וואָס פאַרלענדן דאָס לייב,
וועגן פלאַמען, ווי וועלף, וואָס פאַרצערן דעם גוף, —
ווערן זיי געהאַרכזאַם-שעמעוודיק, די וואַנדערטרוימיקע צווייגן,
און דרימלען איין אין דער זיסער שלווה פון זייער פאָטער-שטאַם.

איך בין ווינציקער פונעם בוים, דעם ברייטצעוואָקסענעם, ביי מיין פענצטער.
דערדאָזיקער בוים קען נישט די העלע שניידיקע שנייטעג פון ליכטיקן פיין,
דעם קאַלטן אייזיקן באַריר פון גליווערדיקן טויט;
דאָ, אין מילדן שוים פון די אַנדן-בערג, קען ער נישט די ווייסע געוויטערס,
זעט ער נישט די בייזע שוואַרצע פערד פון די וואָלקנס,
וואָס צעיאָגן זיך אין איינגעשפּאַנטע רייטוואָגנס פון בליצן און דונערס
און אַז די מאַיאָווע רעגנטעג וואַשן אָפּ דעם שטויב פון זיין זומערדיקן גוף,
איז ער שטיל, פול מיט זאַפטיקער ליב צו זיין באַשאַפער
און אַז די זון טריקנט אים גלידערווייז, שטאַרקט זיין לייב, —
שטרעקן זיך ווידער צום הימלבלוי די צווייגן זיינע, ווי הענט,
וואָס דאַנקען גלויביק דער השגחה פאַר זיין מילדן חסד, —
וואָס ווייסט ער, דער בוים, פון פיין און פון וואָגל,
וואָס ווייסט ער פון יונגע בלוטן, ברענענדיקע פון אומרו? —

איך בין ווינציקער פונעם בוים, דעם גרינצעבליטן, ביי מיין פענצטער,
און אַלע פרימאָרגן, ווען כ׳גיי פאַרביי זיין פאַרצווייגטקייט
און כ׳פאַרנעם זיין פריידיקע שירה ביז הויך אין די הימלען, —
בויג איך טיף אַראָפּ מיין קאָפּ, גיי איך אויף אין תפילהדיקן ציטער,
ווייל איך, דער מענטש, געגליכן צו אַ בוים אין פעלד,
האָב אין מיין שפּעטן פרילינג נישט געקנאָספּיקט,
נאָר אין מיין פריען הארבסט בין איך פול מיט אומרו,
מיט בלוטן, צעזשאַרעטע, פון פיין און פון וואָגל.

1943

וואָלט איך זײַן

וואָלט איך זײַן אַ שטיק ערד,
אַ פֿעלד,
ווי גוט וואָלט מיר געווען, —
ווי גוט!
וואָלט אַ בראָן מײַן אינגעווייד
אויפֿגעאַקערט,
אויפֿגעשניטן ביזן טיף;
וואָלט אַ סערפּ איבער מײַן קאָפּ
אין בלויע פֿאַרטאָגן —
אויפֿגעקלינגען.
דער קלאַנג,
וואָס פֿאַרגייט ניט קיינמאָל,
ווי דער אומעט
אויף דער ערד פֿון אונדזער זײַן.
וואָלט איך זײַן אַ בוים,
אַ צווייג,
ווי גוט וואָלט מיר געווען, —
ווי גוט!
וואָלט מײַן לײַב מיט צווײַט
אויפֿגעהעלט —
ווײַסע וועסנע־פֿרייד;
וואָלטן גרינע בלעטער,
ווי זון־דאַרשטיקע רייד —
זיך געוויגט אין ווינט.
רייד —
אייביק פֿריש און רײַף,
ווי זיסער זאַפּט
פֿאַר אַלע דורות אויף דער וועלט.

אַ בוים אין פעלד

זאָל דיר דאַכטן: אַ בוים אין פעלד,
צעפלאַמט אין דער אָוונטיקער שקיעה פון יאָרן,
ווען פון זיינע צווייגן — דיינע גלידער,
רינט אַראָפּ דער ראַזיקער ווייַן פון דיין געמיט,
טראַנסווייז־שטיל אויפן פּנים פון דער ערד,
ווי אַ טרער פון פרייד, —
ווי די גרויסע זינגענדיקע טרער פון דיין אומעט.
אַרום דיר ציען פיאָלעט־פאַנסענע כמאַרעלעך — דיינע שעה'ן,
פארוועבטע אין לויטערן טרוים פון דיין עתיד;
אַרום דיר איז תפילה־צייט,
ס'דאַוונט דאָס פעלד און ס'דאַוועגען דיינע טעג,
צעקניט אין דער שטילקייט פון אָוונט
און קעגן פלאַמיקן פאַס הימל,
וואָס שנירלט אוים די שטראַליקע פעדים פון באַגין
פון דיין ליכטיקן געביין.
און ווען די וועגן טוליען זיך אין שאָטנס,
הילן זיך אין טויבער נאַכט, —
זאָל דיר דאַכטן, עליי אַ בוים אין פעלד,
ווען דורך זיינע דרימלענדיקע בלעטער — דיינע נעכט,
שאָרשען די בלויע פינגער פון פאַרטאָג
און ס'זינגט די ראָסע פון דיין לעבן.

צומאָל דערפֿיל איך

צומאָל דערפֿיל איך מיינע הענט —
שטיקער זון,
מיינע אויגן — שטיקער הימל
און אַ בלויער דאָרשט פֿלייצט אָן אין מיינע גלידער
אַ פֿאַל צו טון צום גוף,
צום האַלדז פֿון דער וועלט און אים דערוואַרגן —
פֿון ליבשאַפֿט.
כ'שטעל אַ טראָט — אַ קלונג,
אַ שפּאַן — אַ זונג
און אַלע שטיינער לויפֿן שירהדיק:
לעבּ! לעבּ! לעבּ! —
שפּרייז איך אין אַ וואונדערלעכער וועלט אַריין,
אַ ליכטיקע און בלויע —
צו אַלדי־גוטע יאָר!

די נאַכט

די נאַכט —
אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט,
היט מײַן שוועל;
אויף מײַן שויב פֿאַלט אַ בלויער שטערן
און לעשט זיך אויס, ווי אַ אויג
פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן.
אָבער אויף מײַנע פֿיר ווענט —
אַ שטומע שטייניקע מעם,
גייען אויף פֿײַערדיקע צייכנס,
ווי די ליכטיקע פֿעדים פֿון קאַיאָרן.
און די נאַכט —
זי היט מײַן שוועל, ווי אַ הונט,
מיט ברענענדיקע אויגן דורך מײַן אָוונטיק געמיט.

ווינט זיך אין מיין טיר

ווינט זיך אין מיין אָפענער טיר
אַ גרינע טשופּרינע פון אַ בוים—
מיין איינציקער פריינט אין אונדזער ביידנס עלנט.
אָבער צומאָל געשעט:
דער הימל ציט אַראָפּ זיין שווערע נאַסע בורקע,
וויקלט איין די גרינע טשופּרינע
אין זיינע לאַנגע בלויע פאָלעם
און פאַרבינדט זי מיט דינע זוניקע שנירלעך,
אַז די לויטערע וועלט זאָל נישט זען —
דעם גרינעם עלנט פון אַ בוים.
אָבער איך —
איך האָב נישט קיין ווייסינקע באַנדאַזשן
צו פאַרבינדן די שוואַרצע גלידער פון מיין אומעט.

1938

מיינע פיראונצוואַנציק שעה

מיינע פיראונצוואַנציק שעה —
פיראונצוואַנציק שיפן,
וואָס וואַגלען דורכן גרויסן ים — מיין טאָג,
אין בלאָנדזשעניש,
אין זוכעניש אַ בליאיקן ברעג —
די זוניקע האָפענונג פון זין און זיין.
נעכט — פאַרשלאָסענע הימלען,
ציען זיך אין ווייטעניש, אָן סוף;
נעכט —
שטומע וועלטן,
וואָס טראָגן אין זייער ליבּ אַזויפיל נישט-דערזאָגטע רייד.
און יעדעס וואָרט — אַ קנאָספּ,
יעדעס וואָרט אַ קערנדל,
וואָס קוואַלט מיט זאַפטן צו לעבעדיק געבורט.
נאָר איך —
דער בלאַנקער אַנקער פון מיינע פיראונצוואַנציק שיפן-שעה,
איך פיל: דער זשאַוער פון דער דרימלענדיקער רו,
יועט זיך אָפּרייסן מיט ווינט,
מיט שטורעם אין מיין בלוט.

כ׳האָב היינט דעם טאָג

כ׳האָב היינט דעם טאָג אויף גאָלדענע שינעס
פון שטאָט אַרויסבאַגלייט, —
אַ ליכטיקע וועלט אַזאַ,
וואָס איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכטיק קינד —
אויף מיינע הענט.
אַ בוים, ווי אַן אָבל, האָט פאַרבראָכן אַ האַנט
און באַהאַלטן זיין פּנים
אין לעצטן געלן בלאַט פון האַרבסט;
אַ מויער האָט געגלאָצט מיט שטאַרן אויג
און פאַרשניטן זיין שטיינערדיק געמיט
אין טונקעלן בלוי פון פאַרנאַכט.
איבערן אומעטיקן שפּיגל פון טייך,
פאַרקאַרטשעט, אין געפאַלדעוועטער רו, —
איז געהאָנגען אַ טעמפּער לבנה־סערפּ,
ווי אַ דראָענדיק מעסער.
אַ לאָמטערן האָט רויטאויגיק געפינטלט
און אויף קאַלט־שטייניקן ברוק האָט אַ הוימלאָזער,
ווי אַ הרודע האַרטע ערד, —
אויסגענאָגט אין ציענדיקן ניגון זיין פאַרגייענדיקע וועלט.

טרייסט

צו דער פולער ליכטיקייט פון טאָג
האָב איך אויסגעשטרעקט מיינע הענט:
שענק, —
שענק אַזאַ מענטשן, ווי איך,
צווישן שטאָטישע עלנטע ווענט
ערגעצוואו אין זיין טונקל ווינקל־שטוב,
ווי אַן עלנטער פויגל אין זיין נעסט —
טרייסט!
אין מיינע אויגן טליעט אויס דער גלי פון פאַרביקן אמאָל;
אין מיינע האָר לויפט דער ווינט מיט באָרוויסע פיס
און פאַרווייעט זיי מיט שניי פון יאָרן —
בלינדע אָנצייניקע זקנים
וואָס דרימלען שוין אין לעצטן,
אין גטיסהדיקן פלעמל־שאָטן פונעם עבר.
נאָר איך, —
איך נעם אָן אַלץ פאַר ליב, ווי מיינע פרומע אבות,
דאָס גורל פון מיין וועלט
און ווי זיי האַלט איך די הענט
צו דער לויטערקייט פון טאָג אויסגעשטרעקט
און בעטל שטילערהייט, ווי זיי, דעם שכר פון לעבן —
טרייסט!

רוף זיך אָפּ

רוף זיך אָפּ,
רוף זיך אָפּ, ברודער מיינער:
פרייד,
אין טעג, אין אַזעלכע טעג, ווי כמאַרעס,
ווען אַ זון נאָך זון פאַרגייט אין ווייטן וועג —
פון אומעט.
זע, מיינע אָרעמס זיינען ברייט
אַזוי ברייט, ווי די פעלדער פון מיין היים
אין זאַנגיקן געזאַנג,
און זיינען שטענדיק גרייט
די גאַנצע וועלט אין ליבשאַפט אַרומצונעמען.
די וועגן ליגן גרוי מיט שאָטנס און געשפענסט
און שטיקער נאַכט —
טויזנטאויגיקע שרעק,
לויערט אויף די טריט פון מיין לעבעדיק געביין.
רוף זיך אָפּ, ברודער מיינער:
פרייד,
איידער טאָג פאַרגייט
און ס'פאַלט צו אַ וועלט,
אַזוי שטום און קאַלט, ווי שטיין.

פאַרשטעל מיר ניט די זון

אָ, ציגלנער ריז פאַר מיין פּיצל פענצטערל וועלט,
רוק אוועק דיין הויכע שטייניקע פּלייצע, —
פאַרשטעל מיר ניט די זון!
הינטער דיר — אויפן לויטערן בלוי פון טאָג,
וויגן זיך ראָזעווע שיפלעך פרייד;
הינטער דיר, אויף יענער זייט וואַנט, רינען שנירלעך ליד
פון אויג אַרויס, אין אויג אַריין
פון האַרץ אַרויס, אין האַרץ אַריין
און אין גילדענע פאַנטאַפל גליטשט זיך דאָס זעטיקע געמיט
טריט ביי טריט, טריט נאָך טריט
אין אויפגעשלאָגענעם געזאַנג.
אָ, לאָז מיך, שטייניקער היטער, אַ בליק טון כאָטש אַהין
מיט אויסגעדאַרשטן לייב,
מיט אויסגעבענקטן בלוט
נאָך אַן איינאונאיינציק סטרומיקל זון.
אויף מיינע הענט — צווייגן צוויי,
ברענט סיי ווי דער האַרבסט פון דערקענונג;
בלויז דאָס אויג מיינס — אַ וועלט, וואָס וויל זיך ניט לעשן
און מיין געמיט — אַ בעטלער־לירע אויף די וועגן,
צאַפּלעך־אוים די בענקשאַפט צו דער איינציקער רגע
צו דערזען,
צו דערפילן דאָס גרויסע ליכט,
וואָס איז איבער מיין קאָפּ נאָך קיינמאָל ניט אויפגעגאַנגען.
אָ, ציגלנער רוקן פאַר מיין פענצטערל וועלט,
פאַרשטעל מיר ניט די זון!

זון איבער מיר

זון איבער מיר, זון!
כ׳לייג זיך אונטער דיין זוניקער שאַרף,
עליי אַ זאַנג מיט זיסער רייפקייט אָנגעטרונקען
אין פריידיקן צאַפּל אויפן ערשטן שניט איבער איר בתולהדיק לייב,
וואָס פאַלט מיטן פּנים צו דער וואַרעמער ערד —
צו דער וויג פון איר אויפקום
און שעפּטשעט שטיל די ברכה,
דאָס געזאַנג פון איר דערלייזונג.
זון איבער מיר, זון!
רינסט אין מיר מיט טויזנטער זאַפטן,
ווי די גאָרע גוטסקייט פון דער וועלט אַרום מיר,
וואָס וואַשט אָפּ דעם שטויב פון מיינע טעג —
צו שטיינער מאָכיקע געגליכן,
און דעם זשאַווער פון מיינע נעכט —
שטיקער בראָכוואַרג צעשאָטן אויפן וועג פון מיין יוגנט,
האַרט־הרודיקער און שווערער.
זון איבער מיר, זון!
כ׳נעם דיך, עליי אַ בוטל שטאַרקן ווייַן
און פאַרשיכור מיין דאָרשטיק לייב
אין דער פולצייטיקייט פון מיינע יאָרן,
וואָס שטייען מיט רוישיקע קעפּ אויף די פעלדער פון מיין לעבן
און כ׳שטרעק אוים צו דיר מיין האַלדז
מיט פריידיקן ציטער ווי די בתולהדיקע זאַנג:
נאַ, נעם אים, מיין האַלדז, און דערקווילע!
סיי־ווי וועט קיינמאָל נישט אויפהערן זינגען מיין לייב,
מיינע ביינער — טרוקענע, הוילע.

אין רויטן אָוונטשיין

אין רויטן אָוונטשיין, אויף שקיעהדיקע וועגן פון טעג,
פאַלן מיינע הענט אויף די אָנגעצונדענע ווענט
פון מיין וועלט
און איך אַליין, ווי רויטע שקיעה,
שווייג דאַן אוים דאָס טיפסטע וואָרט
פון מיין דערקענונג.
די בערד פון מיינע אומעטיקע זיידעס
פלאַקערן־אויף, ווי תפילהדיקע פלאַמען אין אָוונטשיין;
זייער טרויער, וואָס איז לאַנג אַוועק מיט זייער געביין,
איז מיר דאַן היימיש,
איז מיר דאַן אַזוי נאָענט, ווי דאָס בלוט פון מיין אייגן גורל.
די שטילקייט הויערט מיט פאַרפרעסטן מויל
אויף שאַרף פון טיש,
אויף קאַנט פון שטול,
אויף ברעגעס פון מיין הייליקסטן בוך, וואָס ליגט אויפן דיל,
ווי אַ פאַרגראָבענער קאָפּ אין געוויין.
דער שפיגל איז רויט, ווי אַ פענצטער אין שרפה.
דאָס מעסער גליט, ווי אַ צינגל פייער
און אין דער אָפענער טיר,
אין אייך־אויגיקן שויב־פענצטערל מיינס,
גלוטיקט אויף מיר דאָס פנים פון דער וועלט,
וואָס פאַרגייט אין פלאַמען.
און מיינע הענט ברעכן זיך אויף טונקעלע שאָטנס,
ווי אויף אויסגעטליעטע האָפענונגען,
אויף רויכיקע דמיונות,
אויף אַשיקן געבעט.
מיינע הענט הענגען מיד
און שווייגן שרייענדיק אין טונקעלן אָוונטשיין.

העק אין מיין הויף

אין מיין הויף האָט אין זוניקן שפּיגל
אַ גלאַנץ געטון האַק,
האָט אַ הילך געטון: הוק!
האָט מיין אַלטער פייגנבוים־פריינט אַ ציטער געטון: אוי!
די בלעטער האָבן זיך צעשריגן איבערן הויף
מיט מיילער, וואָס זיינען ביז איצט שטום געווען
און בלויז איינמאָל שרייען זיי אין טיפסטן אויפגעצאָרנטן ווײ:
— אויך דו אַזוי!
די צווייגן — אָפּגעהאַקטע אָרעמס —
נאָך פריש אַזוי, נאָך גרין אַזוי,
האָבן זיך געקלאַמערט אין שטאַם — אין קרעכצנדיקן גוף
און שווער זיך איינגעגראָבן אין גראָזיקן טוי:
— אויך איר אַזוי!
האַק האָט שאַרפמויליק געלאַכט;
אירע אויגן — בלאַנק אויפגעבליצט
קעגן זון — אַ שטומער עדות — אויפגעהאַנגען,
האָבן פאַרצוקט דעם לעצטן בליק פון מיין פריינט
אין זיין אָפּגייענדיקער וועלט אַריין.
די צווייגלעך האָבן זיך געקאָרטשעט און געוויינט
איינס אויף איינס, איינס אונטער איינס
און די פיאָלעטע קעפּלעך פון די אויפגעשפּריצטע קנאָספּן
האָבן זיך צעשיט אויף דאַך און פּלויט,
ווי אַ פולע טרער פון דערשטיקטן געבורט.
דער ערשטער דעמער־שאָטן איז געפאַלן אויף דער האַק,
וואָס איז רויט געווען אַצינד, ווי דאָס פּנים פון אַ גזלן
און אויף איר קאָפּ האָט שטום געשוויגן דאָס לעצטע בלעטל טרויער.
געפאַלן איז דער צווייטער שאָטן פון פאַרנאַכט,
דער דריטער
און אויף מיין ליידיקער שוועל האָט געיאָמערט
דאָס טויטע געביין פון מיין פריינט.

1937

אין שטאָטישן פלאָנטער

אין פלאָנטער פון וואָכיקע שעה'ן
אין גרילציקן טומל פון חומר,
ווען ס'שלעפּט מיך די שטאָט דורך שטייניקן עלנט
און פרעמד זיינען אפילו די אייגענע טריט מיר, —
גייט אויף אין מיר דער רויש פון היימישע וועלדער,
צעריזלען זיך אין מיר די אָזיערעס פון קלאָרע קאַיאָרן
און כ'דערהער ביזן בלוט דעם שאָרך פון גראָז,
וואָס לייגן זיך אויס אין לויף פון די ווינטן;
און אַז ס'ברעכט זיך אָפּ אַ צווייגל, —
דערפיל איך טיף־קנאָכיקן ווייטיק,
ווי ס'וואָלט זיך ביי מיר אַ ריפּ איינגעבראָכן.
ווייל נאָך איצט, הינטער פליִיצעס פון יאָרן פאַרגרויטע,
הינטער חרובע ווענט פון פאַרברענטע אַמאָלן, —
ראָזט נאָך אין מיר דער שחרית פון שטעטלעך,
העלן אין מיר נאָך די מאָרגנס פון שלווה,
וואָס האָבן מיין לייב מיט זון אָנגעטרונקען,
ווי די גראָזן מיט פרישקייט פון טויען.
און אַז כ'וואָגל אין בראַזג פון גרילציקן הומר,
צעווישן זיך אין מיר די היימישע וועלדער פון בענקשאַפט
און ס'גייען אין מיין בלוט די קלאָרע טייכן פון אומעט.

ווי אַ וואָגלער

ווי אַ וואָגלער, וואָס טראָגט זיין טאָרבע אָרעם ברויט
דורך די טעג און נעכט פון זיין מענטשלעכן גורל, —
אַזוי טראָג איך די זריע פון מיינע זינגענדיקע אותיות
איבער אַלע שיידוועגן פון מיין האַרטנאַקיקן קיום
און ווי דער וואָגלער, וואָס איז פול מיט דערשטיקטן פיין
און מיט ניט-דערשריגענע ווערטער פון אומעט, —
אַזוי איך, דער יידישער פּאָעט, האָב פולע אויגן געוויין,
פולע אויגן מיט בענקשאַפט און מיט חלום.
יאָ, ווי אַ געקרייצטער טראָג איך דעם שם הויה פון מיין קיום
איבער אַלע כמאַריקע גרעניצן און שוועלן,
דורך אַלע שטרויכלען און שייטערס
און שריי אויס אויף אַלע פרעמדע ערדן מיין פיין,
זינג אויס אויף אַלע היימישע וועגן די פרייד פון מיין וואָר:
אַזוי איז מיר באַשערט צו טראָגן ביז די וויטסטע דורות
דעם העלסטן חלום פון מיין קוואַלנדיק וואָרט,
וואָס גייט אויף אומעטום מיטן פאַרבאָרגענעם ליכט פון מיין קיום.

אַ מענטש אַזאַ ווי איך

I

אַ מענטש אַזאַ ווי איך, ווי דו, ווי אַלע מיר, —
צעוואַקלטע אין שפּרייז איבערן אָפּגרונט פון אייגענעם געמיט,
ווי שאַרף איז די בענקשאַפט אונדזערע נאָך טרייסט,
ווי שטאַרק איז אונדזער דראַנג נאָך יענעם וואָרט,
וואָס מיר האָבן ניט, ווען ס'שלאָגט אָן מיט אימפּעט
און מיטן אָטעם פון ווינטן אָפּגעבונדענע דער צער,
וואָס קרעלט די הויט פון אונדזער לייב אַראָפּ,
וואָס צעברעכט אויף חלקים טויזנטער דעם גוף
און מיר שרייען אוים דעם אַנגעיאָגטן וויי,
וואָס פלאַמט מיט טויזנט פייערן פון שייטערס
אין אַ מענטש אַזאַ ווי איך, ווי דו, ווי אַלע מיר, —
וואָס טראָגן זיך צעוואַקלטע איבער די אָפּרונטן פון גורל.
נאָר עפּעס וואו פאַרוואַלגערט זיך אין אונדז,
ווי אַ שטויב די גרוים: אַ ליכטיקייט אַזאַ,
וואָס גייט אויף און פאַרכאַפּט אונדזער גאַנצע טיף
און זי זינגט אויף אין אונדז, די דאָזיקע העלקייט,
מיט יענער אויסגעבענקטער טרייסט,
מיט יענעם זשעדנעם וואָרט,
וואָס חלומט יאָרנלאַנג אין לעבעדיקן בלוט
פון אַ מענטש אַזאַ ווי איך, ווי דו, ווי אַלע מיר,
וואָס שפּאַנען צעוואַקלטע מיט פלאַטערנדיקע טריט
איבער די אָפּגרונטן פון אונדזער גורלדיק געמיט.

II

אַזאַ מענטש ווי איך, ווי דו,
מיט דאָרשטיק בלוט, מיט בענקשאַפט אין לייב
און מיט אויגן — הונגעריקע וועלף,
וואָס גליען דורכן אומעט פון אונדזער געמיט
און ווילן זיך נישט לעשן,
ווילן נישט אויסגיין אין אַזעלכע זוניק־וואונדערלעכע טעג, —
וואָס זאָל טון אַזאַ מענטש ווי דו,
אַזאַ מענטש ווי איך? —
אין אונדזער ביידנס בלוט יאָגט־אום דער אומרו
מיט הייסע צעשויבערטע קעפ
און רייסט זיך מיט טויזנט־מויליקן געהייל
און שטרעקט זיך מיט טויזנט־הענטיקע אָרעמס
ערגעץ אַהין, וואו ס׳דערהערט ניט קיינער,
אַהין, וואו מ׳דערגרייכט ניט קיינמאָל,
בלויז נאַכט וויקלט איין דעם צאַפּלענדיקן גוף
און אויף די ברעמען פאַלט די שווערע פינצטערניש פון גורל.
דורך דיין־מיינעם קינדיש־זקנה׳שן מוח
ברענט עפּעס אַזוינס, וואָס איז הייסער פון פלאַם
און קילער פון שניי;
דורך דיינע־מיינע יונג־אָפּגעלעבטע גלידער
פלייצט עפּעס אַזוינס, וואָס איז זיסער פון וויין
און ביטערער פון גאַל;
דורך דיין־מיינער אומעטיקער פרייד
העלט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ליכטיקער פון זון
און פינצטערער פון נאַכט, —
וואָס זאָל טון אַזאַ מענטש,
ווי דו און ווי איך
מיט דאָרשט און מיט בענקשאַפט אין בלוט? —

III

רייד צו מיר, פריינט, אין זשעדנעם דאָרשט נאָך הייטערקייט
פאַר מיינע גלידער, אויפגעציטערטע אין שרעק, —
רייד צו מיר, פריינט, אין דער פיינפולסטער שעה
פון מיין שפּאָרן זיך צום פריידיק־זאַטן זיין.
וואָס זאָל איך טון, אַז ס'האָט די האַרטע הפקרדיקע וואָר
ניט פאַרליוולעט קינדוויז מיינע אויגן אין די נעכט, —
אַז די ווינטן האָבן מיך יינגלוויז ניט איינגעוויגט
אויף די קאַלטע שוועלן פון דער רויער פרעמד.
רייד צו מיר, פריינט, דיינע רייד לייגן זיך אויף מיין געמיט,
ווי רעגנדלעך אויף דאָרשטיק־דורכגעברענטן גראָז
אונטערן בראָט פון סטעפּ־צעגליטע זונען
און זיי רינען דיינע רייד, ווי היילנדיקער באַלזאַם,
זיי ריזלען אָן אין מיר, ווי חיותדיקע זאַפטן.
רייד צו מיר פריינט, אין דער שעה פון מיין צעשויבערטן אומרו,
ווען דאָס בלוט קלאַפּט אויף די ווענט פון מיין גלייכוואָג
און מיינע גלידער, די הענט און פיס, צעגייען זיך
און דער קאָפּ, ער שרויפט זיך אָפּ
און ווערט אַוועקפליען גאָט ווייסט וואוהין!
וואָס זאָל איך טון, אַז דער שמיד פון מיין לעבן
האָט ניט אָנגעשטאַלט דאָס לייב מיינס מיט יענער פעסטער
ווידערשטייענדיקער קראַפט פון אַ מענטש,
אויף וועמענס ברוסט ס'קרישלט זיך ווי קוועקזילבער, די פייל
פון יעדער אומרעכט און צאָרן,
פון יעדער פאַרביטערטקייט און האַס.
רייד צו מיר, פריינט, אין מיין גרויסן דאָרשט נאָך הייטערונג,
ווען כ'שפּאַר מיך דורכן גורל פון מיין ערדישן זיין.

אין מיינע טיפענישן

אין די טיפענישן, די ניט-דערגרונטעוועטע מיינע,
שרייט צומאָל אויף אַזאַ געוואַי צו אַ וואָלף געגליכן,
נאָר דורך מיינע ציין שפּאַרט ניט דורך קיין מורמל
און אויף מיין ליפּ שפּראַצט ניט אויף קיין שטריך פון וויי.
נאָר אַז דאָס געשריי דערלויפט שוין ביזן גאָרגל,
ווי פינגער בייניקע צום וואָרגן איינגעקלעמט, —
צעגייען זיך דאַן די אייגענע פיר ווענט אין אַ וועלט אַ גאַנצע
און כ׳לויף אום אין איר מיט וואָיענדיק געהייל,
כ׳צעוויג די ערד אונטער מיר
און כ׳צעשפּאַר פאַר יעדן מיין ווייטיק אָנגעלאָפענעם,
ווי אַ וואונד פון טויזנט שניטן.
אָבער אין מיינע ניט-דערגרונטעוועטע טיפן
דערהער איך אויך דאָס גערויש פון שטורעם,
דערהער איך אויך דעם זאַט פון צעוויגטע וואולקאַנען,
אַ געוויטער אַזאַ, וואָס פאַרכאַפּט מיך ביז אַרויף
און קולות טראָגן זיך פון מיר:
העי, נאַכט, אויף דיין פינצטערער ברוסט גייען ווייסע פלעקן אויף,
שטעפּן זיך שוין אוים די פעדימלעך פון שחרית, —
וועט די ערד באַשיטן זיך מיט צוויט.
וועט די וועלט זיך איינהילן אין איר העלן קיטל פרייד
און אַ יום-טוב, אַ פרייידיקער אַזאַ, וועט זיין,
אַ יום-טוב פאַר אַלע קינדער פון דער ערד.
אין מיינע טיפענישן גייט אויף צומאָל אַ געשריי,
אַזאַ וואָיענדיקער צו אַ וואָלף געגליכן,—
נאָר מיינע ליפּן קרומען זיך אין ווי בלויז דאַן,
ווען דאָס געשריי דערלויפט צום גאָרגל ביז צום וואָרגן.

אויף די ראַנדן פון מיין וועלט

כ׳טראַכט צומאָל, אַז כ׳האָב שוין אויסגעזופט
דעם לעצטן שלוק פון יוירנדיקן אומעט מיינעם,
אַז אויף די ראַסטיקע ראַנדן פון מיין טאָג
ליגט דער שוואַרצער כוס שוין אויסגעליידיקט
און אָט וועל איך ווערן דורכזיכטיק אינגאַנצן,
אָט וועל איך ווערן דורכגעשליפט מיט פעדים ליכט,
ווי דער קאַיאָר — מיט דינע שטרייפן זון.
כ׳טראַכט צומאָל אַזוי און ס׳ווערט מיר גוט,
ס׳ווערן אויפגעבונדן אַלע פלאָנטערן און קנופן
פון דמיונות און פון וואָר
און יעדער פאַרנעפּלטער באַשייד ווערט העל אַזוי,
ווערט אָפגעצויגן גלייך, ווי אַ הלכה.
און ווייטער טראַכט איך: גוט איז צו אַ מענטש,
וואָס ווערט דורכזיכטיק אין זיין גאַנג פון פיין, —
אַזוי לייטערט זיך אַ מענטש אויף דער שוועל פון זיין וועלט.
נאָר זעט אוים, אַז כלומן די זון גייט אויף איבער מיר,
שלעפּט זיך דער שאָטן הינטער איר, —
אַז אין די פאַלדן פון ראָזעווען פרימאָרגנראָק,
ווערט אויך געבוירן דאָס שוואַרצע מעסער: אומעט.
כ׳טראַכט צומאָל, אַז כ׳האָב שוין אויסגעזופט
ביזן סאַמע דנאָ אַראָפּ דעם פינצטערן כוס פון גרויל,
אַז בלויז טאָג זוניקט אויף די ראַנדן פון מיין וועלט.

האַרץ מײַנס

אַז דער טאָג, אַן אָנגעגאָסענער מיט פֿינצטערניש,
פֿאַרמאַכט זיך, ווי די נאַכט־בלום, —
מאַך זיך צו אויך דו, האַרץ מײַנס, ווי אַ בלום,
וואַרט און וואַרעם־אויס, ווי זי, אין די אָדערלעך,
די ליכטיקע טראָפּנס טוי, די העלקייט פֿון באַגין.
איבער דער ערד פֿון אומרעכט און פּײַן וועט געוויטערן,
וועט אָנקומען אַ מאָרגן, ווי אַ בלאַנקער סערף
איבער די הויכע ווילדע גראָזן פֿון שלעכטס, —
אַ שטורעם, וואָס קאָרטשעוועט זקנים־ביימער אויס,
ווי ער ברעכט די יונגע צווייגלעך אויף צווייען,
ביז אין בלויעניש גרינט־אויף די שטילקייט, —
בליט־אויף די ווײַסע רויז פֿון פֿרייד און פֿרידן.
אָבער איצט, ווען דער טאָג פֿאַרציט זיך אין גרויל,
פֿאַרצי זיך אויך דו, האַרץ מײַנס, אין שווײַגן,
וואַרט און וואַרעם־אויס דעם ליכטיקן צווײַט
איבער דער ערד פֿון ליבשאַפֿט און פֿרייד.

מיין פענצטער אין ווינט

מיין פענצטער רייסט דער הארבסטיקער ווינט —
אן אפגעבונדענער בארוויסער הפקר־יונג,
און ווינט אריין אין מיין צימער מיט נאכט, מיט הארבסט,
קלאגט אריין אין מיין צערייצטן געמיט מיט פיין, מיט טויט
דאס געדיכטע חושך פון דער נאכט טוליעט זיך,
ווי תמיד צו די ווענט, וואס טראכטן און שווייגן.
א דרויסנדיקער דראט הוידעט זיך אויף דער טיר,
א דראט — שיר ניט ווי א שטריק, —
וויגט זיך ארויף אויף מיינע אויגן,
וויגט זיך אריין אין מיין געמיט
מיט שאטן, מיט פיין, מיט טויט.
וואס וויל ער, דער ווינט, פון מיין פענצטער,
וואס וויל ער פון דרויסנדיקן דראט,
וואס הוידעט זיך אויף מיר,
ווי דער שטריק פון א געהאנגענעם —
וואס וויל ער, דער ווינט, פון מיין שלאף, פון מיין רו? —

שטילערהייט

שטילערהייט שלייף איך נאָך מיין פערד,
הויך אַריין אין אים דעם אָטעם פון מיין טאָג,
ווי ער קומט, ווי ער גייט אַוועק.
כ׳וועל שוין, זעט אויס, אייביק אַזוי
אַריינהויכן אין אים דאָס געזאַנג פון מיין בלוט,
אַז יעדע שעה לעבט אויף אין מיר אַ נייע וועלט,
עפנט זיך אין מיר אַ פרישער קוואַל
מיט וואונדערלעך באַשייד פון מיין וואָרן זיין.
זאָג צום בוים: וואַקס ניט,
אַז טיפער גראָבן זיך זיינע וואָרצלען־הענט;
זאָג צום טייך: רויש ניט,
אַז ברייטער גיסן זיך אַריבער זיינע כוואַליעס;
און טאַקע ווי דער בוים, ווי דער טייך, —
איך וואַקס אַריין אַלץ טיפער אין דער ערד,
יערט דער ברויז פון כוואַליעס אין מיין לייב,
וואָס קומען אָן און שווימען זינגענדיק אַוועק,
ווי אַלע טעג פון מיין לעבעדיקן זיין.
כ׳וועל אין מיין שטילן פערד נאָך לאַנג
אַריינזינגען דאָס ליד פון מיינע טעג —
פול מיט וואונדערלעך באַשייד.

1939

אין דער פרעמד

I

ס׳איז ניט לייכט, ווי דו מיינסט, ברודער מיינער,
זיך אויפהויבן, זיך אָפּגעזעגענען — אַוועק!
ס׳איז ניט לייכט, הערסט, אַ קלאַפּ טון די טיר פון דיין געצעלט,
וואָס האָט דיך איינגעוויגט אין רו,
וואָס האָט דיר געגעבן שלאָף און חלום, —
ווייל די וואָרצלען, וואָס שאָרשען און ציען זיך,
וואָס וויקלען זיך דורך די פאַרבאָרגענע וועגן פון מיין לייב
און אָטעמען אין מיר מיט אַלע היותדיקע זאַפטן, —
אָט די וואָרצלען גייען אויף מיט אַלע בענקשאַפטן,
מיט אַלע ווייען פון ניט-דערענדיקטן חלום,
וואָס די נאַכט האָט אים אויף חלקים טויזנטער צעשניטן,
וואָס דער מאָרגן האָט אים ניט צעוועקט אין ליכטיקייט פון וואָר.
ס׳איז ניט לייכט, ווי דו מיינסט, ברודער מיינער,
אויפצוהויבן זיך — אַוועק און איבערלאָזן הינטער זיך:
ליכטיקע שוועלן, היימישע טירן, זוניקע פענצטער
און הייזער און גאַסן אפילו —
ווי לעבעדיקע מענטשן, ווי לייבלעכע פריינט,
וואָס רופן דיך, וואָס לויפן דיר נאָך איבער אַלע וועגן
און שפּרייטן אויס אָפענע הענט אין געבעט:
ס׳וואַרט אויף דיר די פרעמד מיט אַלע בימערנישן,
מיט אַלע פּיינען, וואָס לויערן אויף דיר, ווי וועלף, —
קום צוריק אין דיין געצעלט, כאָטש ס׳ליגט דער חלום דיינער,
דער ניט-דערטרוימטער אויף חלקים טויזנטער צעשניטן, —
קום צוריק, ס׳וועט דער אומעט בלויז נאָך אַ גרויע פּאַסמע האָר
פאַרזייען אויף דיין קאָפּ אין פרעמדן וואָגל, קום צוריק!
ס׳איז ניט לייכט, ברודער מיינער, אויפצוהויבן זיך,
זיך אָפּגעזעגענען — אַוועק!

II

און אַז איך גיי דאָ אום מיט אויפגעבונדענע טריט,
מיט פריי־צעשפּאַנטע דורך דער זוניקייט פון שטאָט,
ווי די פלאַטערנדיקע שוואַלב אין ליכטיקן רוים;
און אַז איך גיי דאָ אום מיט צעעפנטע אָרעמס,
מיט שטיפערישע ווינטעלעך אין מיינע האָר, —
האָט זיך דען פאַרלאָשן דער פלאָם אין מיין לייב,
דער ברי אין מיין קאָכעדיקן בלוט? —
אויב עמעץ האָט געזאָגט דאָ: לעב דיר ווי דו ווילסט,
האָט עמעץ דאָ געענטפערט: שטאַרב דיר ווי דו ווילסט;
אויב עמעץ האָט געזאָגט דאָ: דער הימל איז דיין,
האָט דאָ עמעץ געענטפערט: די ערד איז אויכעט דיין!
און אַז איך זע די לעבעדיקע בלומען,
וואָס שטאַרבן אין די טיפע קוישן אויף דער בלומען־פּעריע, —
דערמאָן איך מיך אין טויט
און עפּעס רייסט זיך אָפּ אין מיר, קען זיין: דאָס האַרץ,
וואָס שרייט אַרויף צו מיר: לעבן, לעבן וויל איך!
איז וואָס, אַז מיינע טריט דאָ זיינען אויפגעבונדן,
ווי די צעפלאַטערטע שוואַלבישע פליגל אין רוים;
און אַז איך שריי אַריין אין לויטערקייט פון טאָג
און ס'קומט פון ערגעץ ניט קיין לעבעדיקער ווידערקול
און קיינער קרייצט ניט פריידיק מיינע וועגן, —
איז וואָס, אַז איך טראָג די זון דאָ אויף מיין קאָפּ
און מיין טראָט איז ביז וואַנזין פריי און אומגעצוימט? —

III

ווידער אַליין, מיט דער טאַרבע פון וואָגל — אַליין,
און איך שאַר מיך דורך גאַסן — היימישע און פרעמד,
דורך פנימער — נייע און באַקאַנטע,
דורך אומעט — אַזויפיל מאָל באַזונגענעם!
ווידער אַליין — און מיר דאַכט: פון ערגעץ רופט מען מיך,
פון ערגעץ לויפט אָן אַ ווידערקול דורך געסלעך —
צעבויגענע, איינגעהויקערטע, ווי טויזנטיאָריקע זקנים;
דורך געסלעך — מאָכיקע, מיט אַש פון יאָרן אויסגעברענטע,
רופט מען מיך מיט אַ ליכטיק היימיש קול.
אָבער איך דריי שוין צומאָל דעם קאָפּ ניט אויס,
ניט אויף לינקס, ניט אויף רעכטס, ניט אויף אַהינטער,
ווייל איך ווייס: דאָס דאַכט זיך מיר בלויז אַזוי,
איך ווייס: דאָס רופט אַזוי די טיפעניש אין מיר,
דער אומרו פון מיין אייגן לעבעדיקן בלוט,
וואָס שפּילט אין מיינע אָדערן, ווי יערנדיקער ווײַן —
די עכאָס פון נעכטנס, אָפּגעגאַנגענע אויף שליאַכן.
ווידער אַליין און כ׳בין שוין צוגעוואוינט דערצו,
ווי אַן אַלטער וועג צום שטורעם אין די נעכט,
כאָטש ניט איינמאָל שלאָגט עס אויף מיט זשעדנער בענקשאַפט:
מענטש, פאַרהבר דיך מיטן שטילן בוים,
פאַרברודער דיך מיטן שטומען שטיין,
דו ביסט דאָך מער ניט, ווי אַ בוים אין פעלד,
ביסט דאָך מער ניט ווי אַ שטיין —
אַליין אויף דער ברייטער גרויסער ערד,
אַליין אונטער די גוטע הימלען פון דער וועלט.

IV

אָפּטמאָל בלייבט פון אַלץ מיר בלויז דאָס ליד אַליין —
דער הייסער אָנגעגליטער אָטעם מיינער,
דאָס טיפסטע וואָרט, דאָס לויטער־אויפגעזונגענע,
דאָס אייביקע ליד מיינס, וואָס האָט מיך געפירט
און פירט מיך אַלץ דורך אַלע מיינע נעכט צום טאָג,
דורך אַלע שווייגנדיקע שאָטנס צו דער זוניקייט.
אָפּטמאָל בלייבט מיר בלויז דאָס ליד אַליין —
דער דאָרשטיקער, דער קאַלטער שלוק וואַסער,
וואָס דערמונטערט, באַלעבט מיין פאַרהלשט מדבר־געמיט,
וואָס פאַלט אַוועק, ווי איך אין אומעטיקן גאַנג
און זוכט, ווי איך — די לעצטע שעה פון פרייד;
און איך ווייס, איך הער, אַז הינטער מיר, פאָרויס, —
פלאַצן פרעמדע זאַטע ליפּן אַזש פון שמייכל,
אַז עמעץ לאַכט אפילו אויפן גאָרגלענדיקן קול
פון מיינע שורות — אָפּגעבליאַקעטע און אַלט
און אפשר אויך פון מיר אַליין —
דעם פאַרגרויטן מקונן מיטן אויסגעקעמטן שרינט.
נאָר איך זופּ אַלץ, ווי אַ קאַלטן מדבר־טרונק,
דאָס וואָרט מיינס — שימלדיק און גרוי,
יעדע שורה, יעדעם ליד מיינס — אַזויפיל מאָל געהערט;
נאָר איך בלייב ווידער מיט מיין ליד,
ווי מיט זיך אַליין — און חלום ווייטער אויס
די לעצטע פערזן מיינע ביזן סוף אַריין —
אָנצוהייבן זיי אין געזאַנג אויפסניי.
נאָר ווי וועט זיין צו מיר אין יענער שעה,
ווען כ׳וועל ערגעצוואו פאַרגיין, ווי אַ זונשטריך,
אין דעמערונג אויף אַ פרעמדער ווייטער שוועל, —
דאָס וואָרט מיינס וועט אַוועק פון מיר
און בלויז איבערבלייבן וועט אין מיר די בענקשאַפט, —
די בענקשאַפט צו מיין אייגן ניט־דערזונגען ליד.

1943

בעטהאָווען

בענקשאַפט.
אומעט און אומרו.
דער לבנה-קאָפּ שווימט פאַרביי מיין טיר.
מיינע הענט שטרעקן זיך
אין דער נאַכט אַריין בלוי,
נאַכט אַריין שטיל.
מיין שוועל זילבערט.
די בלעטלעך פון איינציקן בוים לעם מיין טיר,
אָנגעכוסהטע מיט ליכט, —
דרימלען, שוויַיגן.
מיין שוועל זילבערט.
אַ זילבערנער ברעג אַזאַ.
שטאַרבן אָפּ אויף אים די לעצטע רייד פון טאָג, —
גרויסע טעג,
טיפע נעכט
אָנגעלאָדענע מיט בענקשאַפט,
שרעק און טרויער.
מיין שוועל זילבערט.
אַ זילבערנער גרענעץ-פּאַס
דורכן טונקל פון מיין געמיט.
גייט אויף פאַר מיר די וויזיע פון דיין געזיכט —
לודוויק וואַן בעטהאָווען.
זאַכט פאַלט דאָס שטראַלנדיקע ליכט
פון דיינע טיפע וואונדערלעכע אויגן,
אַזוי טיף, אַזוי ליכטיק און וואונדערלעך,
ווי דער אומענדלעכער אומעט
פון דיין געמיט —
דעם ענלעכן צו מיינעם.

מײַן בלוט שלאָגט־אויף מיט ליד.
שטיל און צאַרט.
ראַש און שטאַרק.
שנײדיק און גלוטיק,
ווי די סאָנאַטן פון דײַן לעבן,
דײַן לעבן — ענלעכן צו מײַנעם —
וואָס האָט מיט גרויע טרויערן
אויסגעגלעט דײַן קאָפּ
און דײַן געפיל,
וואָס האָט געהערט און פאַרנומען,
דערפילט און פאַרשטאַנען
די הייסע קאָכעדיקע רייד
פונעם וואַסערפאַל אין די בערג
ביזן דינסטן מורמלענדיקן שעפּטש
פונעם גרעזל אין פעלד.
מײַן שוועל זילבערט.
מײַן שוועל ליכטיקט העל און העלער
און דורך מײַן שטומען לײַב,
דורך מײַן בײַן און קנאָך,
דורך מײַנע אויפגעטייעטע אָדערן
קומען אָן ווי סאַזשעלקעס,
ווי טײַכלעך,
ווי רוישיקע וואַסערן אין האַסטיקן לויף, —
די גרויסע סימפאָניעס פון אַלע דײַנע נעכט,
וואָס האָבן דיך, אָן אײַנזאַמען, געפירט
דורך אַ וועלט אָן ענלעכע צו מײַנער —
אַ וועלט אַזאַ אָן פרייד,
אַ וועלט אַזאַ אָן טרייסט,
אַ וועלט אַזאַ אָן ליבשאַפט פון אַ פרוי,
העט טיף אין פריען טויטן סוף אַרײַן
פון דײַן פינף צענדליק־יאָריקן ווײ.

מיין שוועל זילבערט.
און איינע אויף דער צווייטער,
נאָך דער צווייטער, ווי כוואַליעס,
טראָגן זיך די נאָטעס, די גאַמעס,
די שטאַרקע פערזן פון דיין פאַטעטיק,
די הייסע סטראָפן פון דיין העראָיק,
די שניידיקע טענער פון דיין צווייטער,
זיבעטער,
ניינטער, —
די דערהויבנדיקסטע שעה'ן פון דיין לייד,
וואָס איז געוועזן טיפער, גרעסער און שענער
אויפן שטערנלאָזן פאַרוואָלקנטן נאַכט־זעג פון דיין —
ענלעכן צו מיינעם —
טיפטראַגיש מענטשלעכן גורל.
מיין שוועל טונקלט.
נאַכטיקט.
דאָס מעשענע לבנה־קלינגל
שאַרפט פאַרשניטן אין אַ צוויג לעם מיין טיר
און ס'טריפט אָפּ אין גראָז אַריין
דער לעצטער בלויער טראָפּן פרייד,
די בענקשאַפט פון ניט וועלן פאַרגיין.
מיינע הענט שטאַרן,
מיינע הענט טונקלען.
די בלעטלעך, ווי פולע בעכערלעך אַש,
צעשיטן זיך אויף די קאַרניזן פון דער נאַכט.

1938

הײמזעלט־װײ

דורך שאָטנס פון וועלט־נאַכט

דורך געדיכטע שאָטנס פון וועלט־נאַכט,
פון אומעט, פון פחד, פון לויער, —
כ׳וועל ניט פירן מיין האָפענונג צו קבורה,
ניט אָנטון מיין יידישע שורה
מיט קרעפּ
און מיט טרויער.
ווייל אין האַרטן פאַרשוויגענעם דויער
וואַרעמט נאָך הייסער דאָס בלוט מיין האָפן
און טעמפּ איז מיין אויער,
בלינד מיינע אויגן
צו די אָבלדיקע קעפּ,
פאַרבראָכן, פאַרבויגן
אויפן שוועל פון זייער יאוש,
ווען זיי קלאָגן, ווי סאָוועס און ראָבן
און גראָבן
זייער קבר פון אומקום.
דורך געשפענסטער פון וועלט־נאַכט,
געשפענסטער מיט נעגל, ווי שווערדן,
חלפים אויפן האַלדז פון מיין אומה, —
ווערט נאָך פעסטער מיין האָפן,
ווערט מיין האָפן — אַ גלויבן,
אַז ס׳וועט צערינען דער לויער
און דער פחד צעשריגן,
די מורא פון אויגן — שטומע,
מיט בלוט אָנגעלאָפן, —
וועט זיך אין פריידן צעוויגן,
ווי ס׳צעוויגט דער באַגינען בלויער
די ערד פון געוויין און פון יאָמער.
וועל איך מיין יידישע שורה,
מיין ליד פון האָפן און גלויבן, —
ניט פירן צו קבורה;
וועל איך ניט קלאָגן, ניט גראָבן,
ווי סאָוועס און ראָבן
דעם קבר פון אייגענעם אומקום.

אויף די סטרונעס פון האַרבסט

I

גראָד היינט, ווען דאָסביימל לעם מיין פענצטער
לינעט אָפּ דעם לעצטן געלן בלאַט,
ס'צאַפּלען אוים די לעצטע טעג פון מאי
אויף די ווינטיקע סטרונעס פון האַרבסט
און אַ וועלט אַ גאַנצענע פאַרגייט אין קופּערגלי,
אין בלעטערפאַל, —
גראָד היינט האָט אַ שלאָג געטון אין בלוט
אין מיינס,
דאָס פיאָלעטע ביימל בעז,
דער בלויער סטאוו,
די קלאָרע קרעניצע
פון מיין בלויען, לויטערן, מאַיקן וואָלין.

II

גראָד היינט, ווען שטאָט האָט זיך מיט נעפּל פאַרכלינעט
און לאָמפּן — דויט־פאַרבעלמעטע,
אין גרויסע קייל־עכדיקע געלע רעדער,
האָבן זיך צעוויינט מיט שויפענצטער, מיט שילד,
מיט דאַך, מיט וואַנט און מויער — גולמס שטייניקע,
קאַלט און שטייניק לייב אין גליווער איינגעטוליעט
אונטער הימלען אויך אַזוי —
קאַלט און שטייניק, שטאַר און גרוי, —
גראָד היינט האָט אַ פּלייץ געטון אין בלוט
אין מיינס,
דאָס זאַנגיק־זינגענדיקע פעלד,
די טוי־גרינע לאָנקע,
די ווייס־צוויטיקע בערעזע
פון מיין זאַנגיקן, טויאיקן, צוויטיקן וואַלין.

III

גראַד היינט, ווען די הימלען האָבן זיך פאַרקאַרטשעט
אין שווער־כמאַריקן געמיט
און ס'האָט אַ טריף געטון מיט רעגן,
מיט טרער אויף מיין שויב —
דאָס איינציקע ליכטיקע פענצטערל מיינס
צו דער בלויער וועלט פון מיין בלויען באַנג, —
גראַד היינט האָבן אַ זינג געטון אין בלוט
אין מיינס,
די ראָזעווע קאַיאָרן,
די אומענדלעך־זוניקע הימלען,
די גאָלדענע שקיעה'ס
פון מיין ראָזעוען, אומענדלעך־זוניקן וואַלין.

IV

גראָד היינט —
און ס'פאַלט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט אין שטילן שעפּטש,
אין שטיל־פאַרגייענדיקן שאָרך,
ווי אַ זיפץ, אַ קרעכץ פון אַ לעבעדיקן נפש
הינטער קאַלטע ווענט פון האַרבסטיקן גורל;
גראָד היינט —
און ס'שטרעקן זיך צו מיין פאַרמאַכטער טיר
דאַרע קרומע אָרעמס פון צווייגן,
ווי פאַרבראָכענע הענט אויפן טונקעלן האָריזאָנט
פון שקיעהדיקע וועלטן,
וואָס צאַנקען אוים אין בענקעניש נאָך טרייסט.
גראָד היינט —
און ס'זשאַרעט אויף אין לייב
אין מיינס,
מיט אַלע פאַרביקע פלעמלעך פון דערמאָנונג, —
די פרייד פון שטרויענע מאַכיקע כאַטעס,
וואָס צינדן זיך אין גאָלדענעם גלי פון אָסיען;
די אומענדלעכע פרייד, ווי די סיוון־וועסנע טעג
אין מיינע אָדערן צעזונגען;
די בונטע פרייד, וואָס פאַרוויגט מיין געמיט
דאָס שטאָטישע,
דאָס האַרבסטיקע
אין דער לויטערער בענקעניש נאָך היים.

אין דער גרויסער שטאָט

I

אין דער גרויסער שטאָט טריקענען מיינע ביינער
צווישן קאַלטע שטומע שטיינער;
די גלידער בענקען נאָך אַ הילצערנער וואַנט,
אַן ערדענעם דיל
און אַ גרין־טויאיק גרעזל.
באַגין צעוועקט מיך אַ טעמפּער פּייף
פון אַ פאַבריק, אַן אויטאָ, טראַמוויי;
אַ גאַנצן טאָג שטומט איבער מיר אַ הימל,
ווי אַ בלויער בלעכענער דאַך
און די זון, ווי אַ הייסער קאָפּ פון אַ מטורף,
יאָגט מיך נאָך ביז פאַרנאַכט,
ווען ס׳שווימט אויף צומאָל די לבנה,
ווי אַ מעשענער צענער.
דעמאָלט צעבריט זיך אין מיר אַ דערינערונג:
אַ מעקע פון אַ קו,
אַ הירזשע פון אַ פערד,
אַ קריי פון אַ האָן
און דער כלאָפּישער וויאָ אין בלויע פרימאָרגנס,
וואָס ריזלען, ווי סאַזשעלקעס אין מיינע אָדערן
און פלאַטערן, ווי אַן אויסגייענדיק פלעמל פון קאַניץ.

II

אין דער גרויסער שטאָט כוואַליעט אַזויפיל ליכט
פון וויטרין־שויב און טיר, —
דאָך איז נאַכט אין מיין אויג,
ווי אַסיענדיקע נאַכט איבער דאָרף;
יעדע הויך־שטיינקע וואַנט,
אייזנגעקאָוועטער טויער־שטאַכעט, —
שווייגט מיט קאַלטן שטומען אומעט.
שלעפּ איך מיך אַרום דורך הויך־שטייניקן עלנט
אַ פאַרבענקטער צו הויכע סטערטעס היי,
צעשמעקטע הילצערנע סטאַדאָלעס,
צו די ריחות פון שוואַרצערד
און פריש־געקאָסעטן גראָז.

III

די גרויסע גרילצנדיקע שטאָט טויבט מיין אויער
מיט שטייפן טאָן פון גאַס,
פון קאַפע-הויז און קאַבאַרעט
דורך מעשענעם קאָרנעט און שטאָלענעם דזשאַז,
אַזוי שטייף, ווי דער קעלנער-קאָלנער,
פראַק און לאַק פון מוזיקאַנט,
דער גומענער קאָרסעט און האַרט-קראָכמאַליעט קלייד
פון דער זונה-זינגענדיקער פרייד.
טאָגט-אויף טיף אין מיר און העלט
דער סלאַוויש-ווייכער ברייטער טאָן
פון יונגן כלאָפּ-באַריטאָן;
דאָס ברייטע ווייכע ליד
פון דער פויערישער טאָכטער,
ווען זיי צעוויגן די כאַטעס אין פאַרכלינעטן גרין,
דעם בוים, די קוסט, די זאַנג
און דאָס גרעזל צום טאַנץ — — —
העלט-אויף אין מיר די דאָרפישע בענקשאַפט,
ווי ווייסער צווייט אין מיין לייב
און קלאָגט, ווי אַ ווערבע ביים טייכל פון אומעט.

1938

סעפּטעמבער

I

אזוי צי אזוי —
אינדרויסן שמעקט שוין מיט סעפּטעמבער.
בליט אַ בלעטל אויף מיין שויב
און דער הימל — אַ בלויער אויפגעריסענער קנאַספּ, —
הענגט איבער מיין דאַך.
ביימער צירן זיך אין גרינס,
איבער נאַכט וויקלען זיך אויס צוויטיקע צווייגלעך
און ס׳ברענען שוין אין זיי שקיעות
מיט פלאַמיק־צעטריפטן גאָלד.
גלוסט זיך אַ רוף־טון ווייט־ווידערקוליק:
— העי — העי — העי — — — —
אָבער מיין ליפּ איז טיף פאַרביסן
מיט שאַרפן צאָן פון אומרו,
מיין קאָפּ — פאַרטראָגן און פאַרווירט.
אונטער מיינע שטיל־געמאָסטענע טריט
דורך גרין־אָנגעטועטע ביימער, —
כליפּעט דער רעגנווינטיקער האַרבסט
מיט פאַרבלי און אומקום.
אין מיין פאַרטייעטן בליק פיל איך דעם שרפהדיקן גלי
פון מיין ווייטער חרובער היים;
פיל איך דעם שמאַרציקן אומעט
פון מיין ברודער,
מיין שוועסטער,
מיין מאַמען.

II

כ'האָב אַלע תפילות אויסגעזונגען
אין הייליקסטן פלאַטער־וואָרט,
געבעטן מיט פאַרבראָכענע הענט פון אַ ווייטן זון
אין דער ווייטסטער פרעמד:
„באַשיץ מיין היים פון אומגליק,
פּרואוו זי בלויז מיט שווערסטן נסיון
אָבער שטראָף זי נישט, גאָט!״
די טיר פון מיין היים איז צוגעמאַכט,
די ווענט געדענקען נישט קיין זוניקע מינוט,
דער טיש איז אָפּגערוימט פון פרייד,
בלויז דער צער פון גרויע זעכציק יאָר
ברענט אין די ווינקעלעך פון שטוב.
און אַז ס'פאַלט־צו דאָס שוואַרצע פּנים פון דער נאַכט
אויף דער איינציקער אומעטיקער שויב, —
שלייכט אַריין די אימה פון שרפה און הרג,
שלייכט אַריין די שרעק פון ארבע מיתות
און די אָדערן דראָלן מיט פּיין,
די אויגן שטאַרן,
דאָס בלוט גליווערט,
דאָס פּנים בלייכט פון דער איינזאַמער זקנה מיינער, —
מאַמע!
כ'האָב אַלע תפילות אויסגעזונגען
אין הייליקסטן שעפּטש און ציטער:
„מיין ווייטע היים פון יעדן אומגליק,
גאָט, באַשיץ און באַשירעם!״

III

קינד מיינס:
דיין בלאָנד קעפּל פרייד,
דיינע בלוי־סאַזשעלדיקע אויגן,
דיין יונג־שפּילעוודיק געלעכטער
וועט מיין אומעט נישט מינערן,
מיין טאָג נישט צעזוניקן, —
ניין, נישט צעליכטיקן, קינד מיינס!
מיין יונגער גרויענדיקער קאָפּ,
דאָס פאַרשלאָסענע שווייגן מיינס —
קען איך דיר, קינד מיינס,
מיט לירישסטן ליד מיינעם נישט דערזינגען.
גענוג, אַז ס׳גייט איבער מיין לייב
דער דינסטער ציטער פון פּיין,
ווי סערפּיקע שאַרף איבער זאַנג;
גענוג, אַז מיין געמיט — אַ שטומע וועלט,
צאַפּלט אין מיין בלוט,
ווי דאָס פאַרטייעטע בלוט פון אַ לאַם צו שחיטה.
אָ, קינד מיינס,
דיין בלויע פרייד אין בלוי־זוניקן סעפּטעמבער־טאָג
וועט מיין אומעט נישט מינערן.

1939

אַז מײַן שטעטל כאַפּט זיך אויף

אַז מײַן שטעטל — מײַן אַלטע צעבויגענע כאַטע,
כאַפּט זיך אויף מיט בהלה אין מיר, —
זע איך: שויבן אָנגעטרונקענע מיט פלאַם,
שלאַנגען פײַער פאַרציִען מאָכיקע שינדל-דעכער
און וואַרגן זיי אײַנציקווײַז אויס ביז גסיסה;
זע איך: פלאַמענדיקע פלויטן,
פליענדיקע גלאָזוניעס.
אשיקע פאַרזונקענע רואינעס, —
אַז מײַן שטעטל כאַפּט זיך אויף אין מיר,
איז ווײ און ווינד צו מיר!

אַז מײַן שטעטל — מײַן גרינצעבליטע היים,
כאַפּט זיך אויף מיט אָבל-געשרײ אין מיר, —
זע איך: הימלען פול-פאַרשטאָכענע מיט תליות,
שטריק איבער טויטע בײמערדיקע קעפּ,
שטאָכעטן — קרומקרײציק-אויפגעשפּיצט פאַרשניטן;
זע איך: ראָוועס, גאָט מײַנער, ראָוועס אויפגעגראָבענע,
ברידער, שוועסטער-קברים הויך-פאַרשאָטענע
אויף צוויי, אויף דרײ, אויף ווײַטע ווערסטן פיר, —
אַז מײַן שטעטל כאַפּט זיך אויף אין מיר,
איז ווינד און ווײ צו מיר!

אַז מיין שטעטל — מיין זוניק־אויסגעוויגטע וויג,
כאַפּט זיך אויף מיט קדיש־געוויין אין מיר, —
זע איך: אַ דערקוילעטע, ווי אַ סיווע טויב, מיין מאַמען
אויף דער מזוזהדיקער שוועל פון איר טיר;
זע איך: מיין עלטערן זינגענדיקן ברודער,
מיין ערשטע זינגענדיקע שוועסטער
מיט פאַרשלייפטע פּעטליעס אַרום זייערע העלדזער
און מיט אָפענע אויגן, צעשריגענע צו גאָט, —
אַז מיין שטעטל כאַפּט זיך אויף אין מיר,
איז אַך און ווי צו מיר!

אַז מיין שטעטל — מיין וויג, מיין כאַטע, מיין היים
כאַפּט זיך אויף מיט געיאָמער אין מיר, —
זיץ איך אין אַ היימישן ליכטיקן קאַפע־הויז,
אין אַ פריילעכן טראַקטיר,
זופּ קאַווע מיט מילך, אַ גלאָז ווייַן;
זאָרג וועגן מיין גוט אויסגעבונדענעם קראַוואַט,
מיין גלייך־צעקעמטן גלאַנציקן שרינט,
מיין קלאָר־געפּרעסטן העמד און ראָק, —
אַז מיין שטעטל כאַפּט זיך אויף אין מיר,
איז אַך אין ווי און ווינד צו מיר!

נאָר אַז איך שלעפּ מיך צו מיין איינזאַמער היים —
צו מיין איין קוואַדראַט-מעטער שטייניק חדרל
ערגעץ אויפן זעקסטן שטאָק, צווישן פרעמדע ווענט,
וואו כ׳זע קיינמאָל ניט די וועלט,
ניט קיין רעפטל בלויען הימל,
קיין איינציקן שטערן ניט אפילו, —
וואַקסט אויס אין מיר ווי מעסערס,
אַלץ שניידיקער און שפּיציקער דער צאָרן,
די קללה צו מיין אייגן געביין
פאַרן זיסן קאַווע-לעפּעלע וועלט,
פאַרן פענעצל הנאה פון מיין אָפּגעלעבטן טאָג:
די קאַווע מיט מילך, דאָס גלעזל וויין,
דער אויסגעקעמטער שרינט,
דאָס אויסגעפּרעסטע העמד און ראָק,
דאָס איין קוואַדראַט-מעטערדיקע בלינדע צימערל
אויפן זעקסטן שטאָק צווישן די ווענט פון מיין שטייניקן עלנט.
נאָר די גאַס לאַכט פון מיר מיט פרעכן געלעכטער
אויף אירע זון-צעהעלטע זשעדנע ציין;
די גאַס חוזקט פון מיר מיט אָנגעצונדענער פרייד
אין איר גיריק-אויפגעריסן נאַקעט אויג,
ווען מיר אַליין איז אַך און ווי און ווינד,
ווייל מיין שטעטל האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיר.

מאמע!

ווי אַ קינד, וואָס צאַפּלט אויף ביינאַכט אין וויג,
מיט צעוועקטן שלאָף אויף די ליפּן: מאַמע!
אַזוי כאַפּט זיך אַרויס ביי מיר נאָך איצט,
אויף דער נאָכמיטיק־שוועל פון מיין לעבן: מאַמע!
נאָר מיין מאַמע־רוף פאַרגייט אָן ווידערקול
אין ווייטן פרעמד פון שטויביקע יאָרן;
בלויז אין מיין צעפלאַמטן דמיון וויגט זיך איר געשטאַלט,
ווי דאָס לעבעדיקע בילד אין אַ זוניקער ראָם,
ווי יענער געמאָלענער פּאָרטרעט פון דער צדקת,
וואָס האָט דורך עטלעכע דורות אין מיין היים
פון דער צעבויגענער וואַנט אַראָפּגעשמייכלט.
אין מיין דמיון דערבליק איך אירע אויגן,
איבערגעלאָפענע מיט טרערן און מיט תפילה,
ווי די גוטע אויגן פון אַלע שטילע מאַמעס,
וואָס לעשן זיך אין בענקשאַפט נאָך די זין, ווי די פייגל,
אַוועק פון די היימישע אָרעמע נעסטן
און זיי וואָגלען נאָך אַלץ איבער ווייטע ימען.
זיי חלומען נאָך אַלץ אויף די שטייניקע ראָגעס
און שפּאַנען אין אויסגעבראָכענעם טאָג אריין
מיט פאַרטראָגענע קעפּ אין גאָלדענעם חלום פון ברויט.
מאַקע ווי אַ קינד, וואָס ציטערט פּלוצים אויף,
אַזוי צאַפּלט צומאָל אַרויס דורך מיינע ליפּן
נאָך איצט, שוין אין האַלבן טאָג פון מיין לעבן, —
דער ליכטיקער פלאַטער: מאַמע!

אַ געשטאַלט אין דער נאַכט

האַלבע נאַכט האָב איך דערזען אַ געשטאַלט — פאַרמלאָז, ווי אַ שאָטן,
אויף די מאַטעווע שויבן פון מיין צעקרימטער טיר, —
עמעץ האָט דאַן צוגערויבט מיין שלאָף,
עמעץ האָט דאַן צוגערויבט מיין חלום.
זאָג מיר, בוים, גרינצעקעמטער איינציקער עדות מיינער, —
זאָג מיר, ווער האָט עס ביינאַכט אַריינגעקוקט אין מיין שויב,
ווער האָט עס צוגערויבט מיין שלאָף און מיין חלום? —
מיינע אויגן — אָנגעצונדענע פייערן, האָבן געלויערט, ווי וועלף
צום דינסטן שאַרך אין דעם רונדאַרומיקן שווייגן;
מיינע הענט און פיס, ווי מידע קעמלען דורכן מדבר פון מיין צעגליטן טאָג,
האָבן געבענקט נאָך דער אייביקער רו, דער אייביקער פון טויט, —
נאָר געהערט האָב איך דאָס בלוט מיינס אין די שלייפן,
ווי דעם טאַנץ פון האַמערס אויף קאָוואַדלעס, —
דאָס בלוט מיינס האָט זיך געגאָסן אין מיינע אָדערן
מיטן זעלבן ראש פון לעבעדיקע וואַסערלעך אונטער שטיינער, —
זאָג מיר, בוים, ווער האָט עס אַריינגעקוקט אין דער שויב פון מיין טיר,
ווער האָט עס צוגערויבט מיין שלאָף און מיין חלום? —
אפשר איז עס געווען דאָס ביינ־יקע פנים פון מיין מאַמען,
וואָס איז געקומען פון דער פרעמד אַ קוק טון אויף איר פאַרוואָגלטן זון? —
אפשר איז עס געווען דאָס פנים פון מיין איינציקן ברודער, מיין שוועסטער,
וואָס כ׳האָב איבערגעלאָזט אויף די גרעניצן פון לעבן און טויט
און געקומען זיינען זיי אַריינטריפן אין מיר זייער לעצטע ניט־דערוויינטע טרער;
אפשר איז עס געווען דאָס געזיכט פון מיין באַשערטער,
וואָס איז געבליבן ליגן אויף די רואינען פון איר יוגנט, פון איר מיידלשאַפט
און געקומען איז זי צו מיר מיט אָפּגעהאַקטע הענט, אַ פאַרשעמטע, —
געקומען איז זי צו מיר, ווי אַ ווייב, אַ פאַרבענקטע נאָך באַמאַנונג:
נעם מיך אין דיינע אָרעמס אויפגעעפנטע, נעם מיך, ווי אַ חתן, ווי אַ מאַן ————
און אפשר איז עס געווען דאָס אייביק־נאַכטיקע געשטאַלט מיינס,
די צעפלאַמטע ווייזיע פון מיין אייגענעם אומרו־בלוט,
וואָס פאַרפאָלגט מיך אויף דער וואָר, אין שלאָף, אין חלום;
מיין אייגן געשטאַלט, וואָס איך זע און דערקען אין יעדן דומם:
אין גראָז, אין וואַסער, אין בוים, אין שטיין,
אין ליכט און אין פינצטערניש, —
זאָג מיר, גרינצעקעמטער בוים, איינציקער עדות מיינער, —
ווער האָט עס אַריינגעקוקט ביינאַכט אין דער מאַטעווער שויב פון מיין טיר,
ווער האָט עס צוגערויבט מיין שלאָף און מיין חלום? —

פּסאַלמען

I

ווי ס׳גייט דער שניטער איבערן זאַנגען-פעלד,
אַזוי גייען איבער מיין לייב די שניטן פון ווייִ
פון דער הרובער וועלט,—
בויג איך איין מיין קאָפּ און שווייג,
ווי אונטער דער קאָסע דאָס גראָז,
ווי אונטערן שטורעם די צווייג:
איך בין האָך בלויז, ווי אַ בוים אין וועג
פון ברויזיקן געוויטער אויסגעמיטן
אין בייזן שלעכטס פון די טעג;
איך בין דאָך נאָר אַ שפּראָץ צווישן שטיין,
וואו דער טראָט פונעם ווינט
האָט ניט פאַרצערט מיין געביין, —
אָבער הער, מיין גאָט, ווי ס׳וויינט מיין בלוט
אין מיר, ווי דאָס גסיסה-געשריי
פון דיין פאָלק אונטער דער רוט;
פאַרנעם, מיין גאָט, פון מיין גליד און קנאָך
די טיף אויפגעגליטע קלאָג
אין די טעג פונעם שוידערנדיקן בראָך.

II

די תפילות פון א געשלאָגענעם זיינען שטיל,
ווי דער פלאַטער אויף זיינע הענט,
אויפגעהויבענע אין בטחון־געפיל.
די תפילות פון מיין האַרץ זיינען קלאָר,
ווי וואַסערלעך אין זילבערנעם לויף
אויף די בלויע ראַנדן פון קאַיאָר;
מיינע תפילות זיינען ריין
און לויטער, ווי דער העלער שמייכל
פון א קינד נאָך זיין געוויין;
נאָר דער פלאַם, מיין גאָט, דער פלאַם,
וואָס פאַרצערט מיין גוף,
ווי דער וואָלף די שטילע לאַם, —
דער פלאַם, וואָס בייסט זיינע ציין
אין לייב פון מיין בענקשאַפט
צו מיין היים — א שטיין אויף א שטיין,
פאַר מערדער און מאָרד, פאַר שענדער און שפּאָט,
פאַר פייניקער און פּיין, —
לעש אויס דעם פלאַם אין מיר, מיין גאָט!

Andante Cantábile

וויג זיך און פֿאַרוויג מיך, לעבן מיינס,
אין בלויע מינוטן פֿון רו, —
כ׳בין היינט מיד, ווי אַ וואָלקן, וואָס האָט
אָפּגעשטורעמט וואו.
וויג זיך, לעבן מיינס, אין סופּלאָזן וואַלץ
פֿון מיין צעזונגענעם געמיט, —
די זאַפּטן, וואָס שפּילן אין מיין אומרו,
וועלן אייביק שפּילן סיוווי.
דער ביטערער גורל־וויין האָט היינט
אינגאַנצן פֿאַרשיכורט מיין בלוט, —
לאַך איך, וויין איך און כ׳בין וואַנזיניק,
ווי אַ מענטש אין זיין לעצטער מינוט.
וויג זיך, לעבן מיינס, און פֿאַרוויג מיך
אין דער אייביקייט פֿון צייט און רוים;
פֿאַרשלעף מיך אינגאַנצן אויף דורות —
אין אַ מעשהלע, אַ טרוים.

איך גיי און זינג

אפילו איצט, איבערן האַרבסט פון דער וועלט,
אין צעפּאַרעטן ריח פון בלוט אויף דער ערד,
ווען מיין היים האָט באַשוועלט
דער מאַרד און די שווערד, —
אפילו איצט גיי איך און זינג,
גיי איך און זינג.
הינטער מיר צערינט דער אָוונט אין שיין,
פאַרוים צינדן זיך די לאָמפּן פון דער שטאָט
און אויף אַספּאַלטיקן שטיין
זינגט מיין טראָט,
ווי ס׳וואָלט מיין בלוט אַצינד
אָנגעכוסהט זיין מיט פריידיקייט פון וואָר,
ווי ס׳וואָלט מיר דער ווינט
דערטראָגן דאָס יום-טוב-ליד פון מיין דור.
נאָר איך גיי און זינג, כ׳גיי און זינג אַריין
אין רויטן האַרבסט פון דער וועלט
דעם פריידיקן פּיין
אין מיינע טיפענישן אויפגעהעלט.

גיב מיר אָפּ מיין חלום

שלאָף, קער מיר אום צוריק מיין חלום,
דעם פאַרביקן געוועב פון וויזיעס — מיין איינציק פאַרמעג,
אין דעם איצטיקן גאָלגאָטע־גאַנג
אויף דער ברענענדיקער ערד פון מיינע טעג.
קער מיר אום מיין חלום — דעם דמיון
פון שלווהדיקע אידיליעס ערגעץ ווייט
איבער שטעט, איבער די כוואַליעס פון צער,
איבער די רואינעס און גרויל פון מיין צייט.
כ׳וויל ניט זען מער דעם טאַנץ פון חלפים
אויף די העלדזער פון צעשראָקענע נעכט, —
כ׳האָב דאָך תמיד פאַרשאָלטן די שעה און די האַנט,
וואָס קוילעט און שעכט.
כ׳וויל ניט זען מער די געשפּענסטיקע תליות,
די שוואַרצע וואַרגנדיקע שטריק, —
אָ, שלאָף, גיב מיר אָפּ די אומרואיקע רו,
מיין חלום קער מיר אום צוריק.

שפּילט אין מיר אַ פלייט

נאָך איצט שפּילט אין מיר אַ פלייט, די דינע פּאַסטוך־פלייט
פון קאַיאָרן שלווהדיקע איבער לאַנען, —
גייט אויף אין מיר די פאַרבענקטע סומנע פרייד,
וואָס כ'האָב ייִנגלווייז נישט פאַרשטאַנען,
ווען כ'האָב געשפּאַנט אין מיין צעכראַסטעט לייוונט־העמד
און מיין צעפלאַטערטע זוניקע טשופּרינע
האָבן ווינטעלעך צעשויבערט און פאַרקעמט
און געזונגען האָבן זיי ניגונים ווייט־פאַרצויגענע וואָליגער.
נאָך איצט שפּילט אין מיר אַ פלייט, די דינע פּאַסטוך־פלייט
פון בין־השמשותן ראָזעווע איבער סטאַוון, —
גייט אויף אין מיר די פאַרבענקטע אומעטיקע פרייד
פון ברידער — בלוי־אויגיקע סלאַוון,
וועמענס ליד כ'האָב אין מיין יידיש געביין
איינגעזויגן מיט דער מילך פון מיין אַם יוסטינע
און איצט, אין פאַרוואָגלטער פרעמד, דורך שטאָק און שטיין,
זינגען אין מיר מיינע פאַרחלומטע לאַנדשאַפטן וואָליגער.

1942

בלוט און בליט

I

בלוט און בליט.
און אומעטום איז בלוי און גרין,
וואוהין מיין בליק דערגרייכט,
וואוהין מיין טראָט דערגייט.
נאָר איך אַליין, אַליין —
צו אַלדי רוחות זאָל עס גיין,
פאַרשטאָכן מיט שפּיזלעך פּיין
און מיין געמיט,
מיין לייב מיט טיפן שניט
פון ברידער-בלוט,
ברידער-גאַל, געוויין.
כ׳פיל אונטער מיינע טריט
קרעכצט און גוססט וועך,
אַז ס׳איז מיין גאַנג — אַ טרער,
די גרויסע הייסע טרער פון היים —
אַ בערגל גרוז און ליים.

II

װעגן װאָס זאָל זינגען איצט אַ יידישער פּאָעט,
װען ער האָט אַן אייגן װינקל, אַ בעט,
האָט ברױט צו זעט,
רו האָט ער און שלאָף
און גוט איז אים אַזױ, —
(אַז אָך און װײ!)
װען ער טראָגט אַרום זײַן בײַניק בינטל גוף,
װי אַ טרײסט און װי אַ שטראָף
איבער יעדן שפּאַן — בליט און צװײט.
און פילט דאָס גורל זײַנס,
װי ס׳גורל פון אַ הונט
(אַז װײ איז אים און װינד!)
און פילט ניט מער קײן הײליקײט אין ליד,
קײן רואיקײט אין סטראָף, —
װײל ער שלעפּט זײַן בן־חורנדיקן גוף,
װי אַ גרױסע שטראָף,
כאָטש נעם אַ שטריק און הענג זיך אױף, —
װעגן װאָס זאָל זינגען איצט דער יידישער פּאָעט?

III

אויף דער פינפאונצוואַנציקסטער שעה פון מיין נעמיט
גייט־אויף פאַר מיר די האַק, ווי אַ געבאָט
און כ׳וואָלט זיך דאַן פאַרמאָסטן אפילו קעגן גאָט.
איך וויים, איך אַן, איך פיל און שפיר,
אַז ס׳האָט זיך וואָס געטון אין מיר אַ ריר
מיט גרייטקייט פון פאַרמעסט
קעגן אומגערעכטער שונאדיקער פויסט;
אַז ס׳וועט מיין נקמהדיקער האַס
צעוויגן שטוב נאָך שטוב, גאַס נאָך גאַס,
אַז דער צאָרן פון מיין דורותדיקן יחום
וועט מיטן גאַנצן אימפעט אַ געשריי־טון:
אויף די האַק איז געבאָט פון משה׳ס לוחות! — — —
אויף דער פינפאונצוואַנציקסטער שעה פון מיין פיין,
פון מיין צעטראָטנקייט, מיין שפאָט,
מיין גרעניצלאָזן ווייטיק, —
גייט־אויף פאַר מיר די האַק, ווי אַ געבאָט,
צו פאַרמעסטן זיך אפילו קעגן גאָט.

IV

דאָס אויג, דאָס מיליאָנען־אויג פון מיינע ברידער,
די בלוט־פאַרגאָסענע בעלמע פון זייער פיין, —
פאַרפאָלגט מיך ביי־טאָג אויף די טריט פון מיין אומעטיקן זיין,
שרעקט מיך ביינאַכט אין מידן שווערן שלאָף,
פרעגט ביי מיר און מאָנט:
איז דאָך דאָ אַ שיעור צו גרויל,
איז דאָך אַ מאָס פאַראַן צו פיין, —
וואו איז אונדזער שיעור,
וואו איז אונדזער מאָס? —
פאַרוואָס שרייסטו נישט אויס מיט אונדז
דאָס שטורעמדיקע געשריי
קעגן די פלאַמיקע רצועות אויף אונדזער לייב,
וואו איז דיין פלאַמיק ליד אין אונדזער פיין? —
און איך — פלייש און ביין,
איך — אַש און שטויב, —
וואָס קען איך טון?
וואָס קענען טון מיינע הענט —
צוויי אָנגעצונדענע טרויער־ליכט
און איך אַליין, ווען איך שאָטן־אום, ווי איינער,
וואָס האָט שוין פאַרלוירן דעם חוש פון רחמנות
צו זיך אַליין
אין דעם פייערדיקן גאַנג פון אייגענעם אַשיקן פאַרגיין.
וואָס זאָל איך טון, אַז דאָס פיינפולע אויג,
דאָס בלוטיקע פון מיינע ברידער,
שרייט און מאָנט ביי מיר — פלייש און ביין,
ביי מיר — אַש און שטויב,
דאָס צעשטורעמטע וואָרט קעגן וועלט.

1940

מײַנע אויגן טרינקען דעם אומעט

מײַנע אויגן, ווי דאָרשטיקע לעמער,
טרינקען אויס דעם גאַנצן אומעט פון מײַן דור,
אָבער מײַן געבײן גייט אויף מיטן געזאַנג,
מיט דער קלאָרער ניגונדיקער פרייד
פון מײַן טאַטן,
פון מײַן זיידן
און פון אַלע מײַנע גלויביקע אָבות —
בטחון.
כאָטש דער אויסגעלאָשענער טאָג —
אַ ווײַסטער שליאַך, וואָס לויפט דורך טיפעניש פון אימה
און ווײנטן קלאָגן מיט אָפגאַנג
און מיט אומקום, —
דאָך זשאַרעט אַרויס פון אַשיקן גרוי
אַ פונק נאָך אַ פונק,
ס׳העלט־אויף אַ שטרײַף נאָך שטרײַף
ראָזעווע ליכט אַזאַ,
ווי זריחה־שײַן
איבער אַלע ווינקעלעך געמיט פון וועלט —
אין אומעט אַ פאַרוויגטע — — —
מײַנע אויגן טרינקען אויס דעם טרויער פון מײַן דור,
וואָס גייט אויף, ווי אַ שארית־פליט,
בטחון־פול נאָך טאָג.

הינטער אונדז פארגייט די זון

הינטער אונדזער רוקן פארגייט די זון,
לעשט זיך אוים דער טאג
און ס׳שאטנט זיך איבער אונדזער קאפ
א לאנגע עצבותדיקע נאכט.
אויף די פעלדער פון אונדזערע יארן
האבן מיר די זאנגען פון אונדזער פרייד איבערגעלאזן
און אונדזער היים — אונדזער וועלט,
וועט איצט אזוי שטיל און אומעטיק זיין.
וואס וועלן מיר טון,
ווען ס׳וועט א וואָרג-טון דא-א ארום האלדז
דאס גורל הינטער די שאטנס פון דער נאכט, —
וואס וועלן מיר טון? —
און אז דאס געוויין פון אייגענעם געביין
וועט דערגיין ביז רחמנות צו אונדזער הארץ;
אונדזער לייב וועט צאפלען: זון,
בעטן א שלונג באגינענגאלד, —
וואס וועלן מיר טון? —
און אז דער גוף וועט זיך שטאליקן דורכן צער
מיט הענט, ווי פרענט
און פיס, ווי שטאבעס אייזן צוגלייך;
די פלייצעס וועלן זיך הארטעווען דורכן לייד
מיט אקסלען, ווי גראניט
און זיי וועלן זיך אויפהייבן, —
יא, זיך אויפהייבן און א ריס-טון
מיט שטורעמדיקן אטעם דורך דער נאכט,
צארניק אזוי,
האסיק אזוי,
מיט א כוח אזא,
וואס פארלענדט און פארצערט, —
פריינט, וואס וועלן מיר דערכאלט טון? —

הער זיך איין צום ווינט

הער זיך איין צום ווינט,
וואָס טראָגט זיך איבער ימען,
איבער בערג און טאָלן, —
הער זיך איין צום ווינט,
ווּעסטו דערהערן דאָס געוויין פון בלוט,
וואָס וויל נישט איינשטילן,
וואָס וויל נישט פאַרשוויגן ווערן, —
דאָס בלוט פון אונדזערע טראַגישע טעג,
דאָס בלוט פון אונדזער דור,
דאָס בלוט פון אונדזער גורל,
דאָס בלוט פון אונדזער קיום.
גרוים איז די שעה פון אונדזער פּרוּאוו,
גרעסער ווי די שעה פון יצחק׳ס עקידה, —
דאָס מעסער אַברהם׳ס האָט זיך נאָר געשטרעקט
און נישט געשאָכטן,
אָבער אונדזער האַלדז ווערט געשניטן
און כאַרכלט אין גסיסהדיקן אויסלאָז
נאָך דער שחיטה פון קידוש־מענטש,
פון קידוש־ייִד.
לויפט דער וויי פון עק־וועלט ביז עק־וועלט,
איילט דער צער דורך אַלע וועגן פון דער ערד, —
הער זיך איין צום ווינט,
וואָס טראָגט זיך איבער ימען,
ווּעסטו הערן דאָס געוויין פון בלוט,
דאָס בלוט פון אונדזער דור.

דאָס אויג פון דער נאַכט

ס׳וועט אויסרינען דאָס אויג פון דער נאַכט
און דורך אַ גאָלדענער ברעם
וועט דער פרימאָרגן אַ בליק טון
איבער אונדזער אומעט.
וועט די זון אָנשיכורן די שויבן
פון אונדזער טונקעלן געמיט
און וועלן זיך אַ צעקלינג טון
מיטן דינסטן ציטער פון פרייד, —
זיך צעבליאַסקען מיט דער העלסטער ליכט
פון לאַנגע שורות טעג,
די אויסגעגאַרטע אין פּאַראומערטע שעה׳ן,
וועלכע מיר האָבן אין דערוואַרטעניש געדריקט,
ווי טויט־פאַרצאַפּלטע קינדער צו אונדזער לייב.
גרוים וועט דאַן זיין דער טאָג
און גרעסער נאָך די גורל־פרייד,
ווען ס׳וועט אויסרינען דאָס שוואַרצע אויג
פון אונדזער שווערן אומעט.

1939

אין פאַרבאָרגעניש

I

איך פרעג מיך אַליין:
וואָסער ווערט דיין זיין,
וועלכע ווערט דיין פאַרגיין? —
און איך ענטפער מיר אַליין:
עליי אַ גרעזל,
אַ זעמדל בין איך,
עליי אַ כמאַרעלע,
וואָס צערינט.
האָב קיין בוים נישט געפלאַנצט,
נישט געכאָוועט קיין קינד
און אַ בוך וועט אויך נישט זיין
די פרייז פון לעבן מיין.
פרעג איך מיך אַליין:
וועלכע ווערט דיין זיין
און ענטפער: עליי אַ כמאַרעלע
אין אויגנבליק פאַרגיין.

II

כ׳בין מיד, כ׳בין אַזוי מיד אין מיין וואָגל
נאָך לאַסט פון שווערע יאָרן,
שפּרייזנדיק צו דער זון, —
צו מיין פרייד.
אויף מיין וועג האָב איך ניט באַגעגנט
קיין שאָטנדיק ביימל,
קיין רואיקן שטיין צוקאָפּנס;
קיין האַנט האָט מיך ניט באַגריסט,
קיין שמייכל ניט דערלייכטערט
מיין געמיט צום ווייטערדיקן גאַנג.
זינט איך אויפן שיידוועג פון יאָרן
און די מידקייט ברעכט מיינע גלידער,
ווי ס׳ברעכט דער שטורעם צוויייג נאָך צווייג.
כ׳בין מיד, כ׳בין אַזוי מיד איצט
אין וויטן שפּרייז צו דער זון —
צו מיין פרייד.

III

ווי גוט איז מיר,
ווען כ׳רוף דיך אין פאַרבאָרגעניש —
גאָט פון יצחק און פון יעקב,
גאָט פון אַלע מיינע אָבות,
וואָס האָבן זייערע הענט צו דיר אויפגעהויבן
אין פאַרבראָכענעם געשריי פון זייער ווײ.
און מיר, דאָס לעצטע שפּראָצל, ווי גוט איז מיר,
ווי גוט איז מיר אַצינד,
ווען איך רוף צו דיר אין פאַרבאָרגעניש:
צר לי,
ענג איז מיר אויפן גרויסן שטרויכלענדיקן וועג
אויסצולייטערן זיך.
ווי מיינע פרומע אבות
רוף איך צו דיר, דערבאַרעמדיקער גאָט,
אין פאַרבראָכענעם געשריי פון מיין ווײ.

דאָס לעצטע ליד

I

אפשר וועל איך היינט אָנשרייבן דאָס ליד,
דאָס לעצטע וועגן זיך.
כ'בין שוין מיד, אַזוי מיד
צו זינגען וועגן אייגן געמיט,
פון אייגענעם איך.
ס'איז נאַכט. אַ בלוי־צעשטערנטע זומער־נאַכט,
נאָר איך בין היינט מיד און קראַנק
און פיל צווישן די ציין, אויף די ליפּן אַ ביטערניש ווי גאַל,
דאָס האַרץ — אָט שפּרינגט עס אַרויס,
דער קאָפּ — אָט פליט ער אַוועק
און איך בלייב, ווי אַ נאַר אין מיטן וועג
און איך לאָז מיך אויס.
אפשר וועל איך היינט אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד
אין דעם פינצטערן ווינקל פון מיין וועלט,
וואָס בעט זיך און קניט
פאַר מיר: לעבּ!
לעבּ, וועסטו זען,
דיין זאָרג און דיין אומעט וועט פאַרגיין
און אַ רעפּטל זון צעהעלט
וועט אומגעריכט
אַ פלייץ־טון מיט יעדער קאָלירנדיקער ליכט —
פון פרייד.

II

די נאַכט איז בלוי, אויסגעשטערנט, מילד
און שטילערהייט
פאַרוויקלט זי, פאַרהילט
אין אַ לאַנגן בלויען קלייד
מיין פאַרזאָרגטן, אומעטיקן, קראַנקן גוף
און פאַרבענקטערהייט
נאָך שטראַליקער היים, האָפּערדיקן מענטש, לעבן באַנייט,
נאָך ווייטע ברידער אין אויפשטייג פון גליק,
נאָך שוועסטער אין אויפקום פון פרייד, —
אַנטפּלעקט זיך פאַר מיין בליק
מיין חלום פון יאָרן אין לייד,
מיין הלום פון יאָרן אין שרעק,
וואָס זיינען הינטער מיר ווייט אַוועק,
ווי כמאַרעס אין ווינט.
און אַצינד
זיץ איך, ווי אַן אָבל מיט מידן געביין,
מיט אויגן — שיר נישט מיט קינדיש געוויין
און בענק אום מיין ליכטיקן טאָג,
וואָס איז געוואָרן נאַכט
און לירישע קלאָג:
מיר דאַכט,
כ'וועל היינט אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד
פון מיין צעפּיעשטשעטע געמיט,
וואָס איז מיר אַליין,
ווי ביטערניש אויף ליפּן און ציין, —
כאָטש איך פיל און וויים:
כ'וועל פון דער אייגענער הויט נישט אַרויס
און אַנטלויפן פון זיך, וועט זיין:
דער הייסער חלף אויף מיין אייגן געביין.

III

אפשר וועל איך היינט אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד
אין בענקשאַפט נאָך צווית,
נאָך שפּראָץ, נאָך אויפבלי
אין אייגענע אַרומיקע געמאַרקן,
וואָס שוואַרצן אין טרויער
און אויף יעדער שוועל, ביי יעדן טויער
פון מיין פול־מידיקן אויפקום
ליגט פאַרשוויגן היים און שטום,
ווי שטילער הייסער גלי
מיין גורל.
מיין גורל, וואָס טענהט צו מיר מיט אַלע רייד
פון אַ מענטשן, וואָס זעט זיך פאַרלוירן
אויף פרעמדער ערד, וואָס כ׳האָב נישט דערקענט
און וואו ביזן הימל אַריין, הויך און ברייט,
שניידן זיך די טויבע ווענט
פון מיין פרעמדקייט,
פון מיין אָפּגעזונדערטקייט,
פון מיין פאַרלאָזנקייט,
פון מיין עלנטקייט
און פון דער שניידיקער בענקשאַפט
ווייט אַהין צו יענער ערד, וואו מיינע טריט
האָבן אויסגעזונגען די ליבשאַפט
און דאָס זוניקע ליד
פון דער האָפענונג צו זיין און צו ווערן
דער קנאָספּ און דער קערן
אויף מיין פשוטן, אויף מיין ערדישן מענטשלעכן גאַנג.
אפשר וועל איך פאַרט, נאָך יאָרנלאַנג,
אָנשרייבן היינט דאָס לעצטע ליד
פון מיין ליריש געמיט,
פון וועלכן איך אַליין בין שוין מיד, אַזוי מיד.

1939

די װיזיע פון בלוט

I

גאָט מײַנער!
מײַנע טאַטעס, מײַנע זיידעס און אַלע מײַנע אבות
זײַנען גערעכטע געװען,
זײַנען געװען פֿרומע כּלו זכאי־יִידן;
אויך איך — אַ װירדיק שפּראָצל פֿון אַלע מײַנע דורות, —
בין גערעכט,
בין שוין דרײַצענדליק יאָר גערעכט,
כּלו צדק.
אָבער שוין דרײַצענדליק יאָר אַזוי,
אַז ס'בענקט מיט אַלע פֿאַרצוקנדיקע בענקשאַפֿטן פֿון אַ װאָלף —
דאָס שעפּסל אין מיר;
שוין דרײַצענדליק יאָר, אַז ס'װאָיעט אַרום פֿון מײַן בלוט
דאָס װאָלפֿישע שאַרפֿצאָניקע געהײל
איבערן גאַנצן מעת־לעת פֿון מײַן יידיש לעבן:
כ'װיל אומגערעכט זײַן,
כ'װיל כּלו־חייב זײַן כאָטש אײן שעה בלויז
אין דעם װײַטן הײסן דורות־גאַנג אויף דער ערד פֿון מײַן פּײַן.

II

צומאַל —
און כ׳דערפיל מיינע ווייכהויטיקע גמרא־הענט,
מיינע הייליקע משניותדיקע פאַרמעט־פינגער, —
ווי שאַרפשנאַבלדיקע שוואַרצע רויב־פייגל
מיט ציין און מיט נעגל;
הייסע דאַרשטיקע סלינע רינט פון מיינע ליפּן,
ווי בלאַנקע חלפים, וואָס בענקען צו שחיטה;
דורך מיין אויג — אַן אַנגעצונדענער הימל —
זעצן פלאַמען,
ווי די פלאַמען דורך אויסגעבראָכענע פענצטער אין שרפה;
מיין אָטעם גליט —
וועלטן גאַנצענע צו פאַרצערן, —
אָ, ווי אומגערעכט,
ווי אומגערעכט, גאָט מיינער, וויל איך דעמאָלט זיין
כאָטש איין שעה,
כאָטש אַן איינציקע שעה בלויז אויפן שטילן, רוישיקן וועג
דורך די שטילע רוישיקע גזילה און הריגה־טעג
פון מיין וואונדערלעכן טיפטראַגישן יאָרהונדערט.

III

ביינאַכט זע איך העק אין שלאָף.
טויזנטאויגיק־גיריקע העק, ווי דעם פּראָגער גולם׳ס
און ס׳גייט אויף אין מיר די גרויסע צאַפּלענדיקע בענקשאַפט,
די זעלביקע, ווי דעם גולם׳ס:
בלוט!
און ווען איך דערוואַך מיט בלוטיקן קאָך
אין מיין גאַנצן צעצונדענעם לייב און קנאָך, —
שניידט זיך איין אין מיין אויג די בלענדיקע,
די דינע אָנגעגליטע שאַרף פונעם טאָג,
ווי דער שאַרפער אָנגעגליטער חלף־בליק
פון אַ רויט־פאַרגאַרטלטן רוצח.
ער כאַפּט מיך אָן ביים גאָרגל, דער רוצח,
ער קלאַמערט איין זיין ווילדע גבורה אין מיין לייב
און באַפעלט,
באַפעלט אַזוי צו מיר:
— קום,
קום מיט מיר אויפן הפקר־שליאַך פון אומגערעכט־זיין,
פון שולדיק זיין, ווי זי, די וועלט
די אומגערעכטיקע;
— קום, לאָמיר זיין, ווי זי
אַלצפאַרצוקנדיק,
אַלצפאַרלענדנדיק,
— קום, לאָמיר, ווי זי, די וועלט, כלו־חייב זיין!

IV

פאַרנאַכט,
ווען ס'פּאַלט־צו צו מיין גוף דער בין־השמשות פון מיין פּיין
און ס'ווערט שטיל אַרום מיר,
אַזוי שטיל, ווי ערב־שטורעם אין פעלד, —
רייסט־אויף אין מיר דאָס ציין־און־נעגלדיקע געראַנגל
פון וואָלף און שעפּס,
פון גוטס און שלעכטס.
איך דערפיל דאַן מיין טויזנטיאָריקן טראָט,
ווי אַ הייסן פלאָם אויף דער ערד פון מיין זיין;
מיין וואָרט דערשפיר איך, ווי אַ שרפה
דורכן פינצטערן שלונג פון דער אייביקער נאַכט, —
מיין וואָרט פון שם הויה דורך אַלע מאַרטערס און גאַלגאָטעס
פון מיין צעפייניקטן דור אויסגעשריגן;
מיין וואָרט איבער רויך, חורבות און בראָכשטיקער פון אַלץ,
וואָס איז געווען און וועט אַנדערש זיין,
וואָס איז געווען און וועט מוזן אַנדערש זיין;
מיין וואָרט וויקלט זיך, ווי אַ דערוואָרגענער ניגון,
קנוילט זיך אַרויף, העט־אַרויף צו דיינע שערי רחמים,
אל חנונדיקער גאָט מיינער
און ס'פרעגט און ס'מאָנט:
— גיב טרייסט, גאָט מיינער,
טרייסט אין דעם הייסן וואָלף און שעפּס־געראַנגל מיינעם;
— גיב מיר טרייסט אין טעג פון קאָכיקער סלינע איבער מיין ליב, —
טעג, וואָס בענקען, ווי בלאַנקאויגיקע מעסערס צו שחיטה,
צו בלוט.

1938

ליבשאַפֿט

סאָנעטן

I

די זוניקע שורות, דיין בריוו —
כ׳טרינק מיטן דאָרשט פון מיין בלוט, —
ווערט מיר דאַן גוט, אַזוי גוט,
זינגט עפּעס אויף אין מיין טיף;

זינגט־אויף דאָס מעדל — צעבליט
אין יענע פּשוטע טעג,
וואָס האָט אויפן צווייגיקן וועג
אַ בלויע פרייד אויסגעשיט;

און דערלעבן דאָס טייכל — קיל,
וואָס האָט געפּליסטערט שטיל,
מיט שטילע פאַרחלומטע רייד; —

ווערט מיר גוט פון דיין בריוו,
וואָס זינגט־אויף אין מיין טיף
מיט בלויער פאַרחלומטער פרייד.

II

כאָטש דער וועג ווערט וואָסאמאָל ווייטער
צו דיר, די נאַכט פאַרטרינקט מיינע טריט, —
נאָר דיך — פונקט ווי מיין לידיש ליד —
אויף אַ צווייטער כ׳וועל קיינמאָל פאַרבייטן.

ווייל איך — דער צאַפּל פון בלוטן
אין די יאָרן פון צייטיקסטן דראַנג
און דו — אַ פולע קאָרענע זאַנג,
פאַרבענקט צום סערפּ פונעם שניטער, —

מיר האָבן זיך ביידע נאָענט דערפילט,
מיר האָבן זיך ביידע נאָענט דערקענט
אין רויש פון גאַס, אין שטילקייט פון ווענט.

מעג מיין וועג איצטער ווערן פאַרהילט
מיט שאָטנס פון טיפסטן אומעט, —
נאָר דיך וועל איך ליב האָבן תמיד.

III

כ׳וויים: וועסט זיכער מיך רופן מאָרגן,
ווי נעכטן — אין בענקשאַפט-מינוטן, —
נאָר פאַר דיינע פלאַמיקע בלוטן
מיין טרייסט וועט דיר קיינער ניט באָרגן.

כ׳וויים: אין טעג פון וואַרגנדיקן טרויער
וועט דיין לייב פאַרלויפן מיט ציטער
און דיין וויייטיק — רייפער, צעבליטער, —
וועט ווערן געלייטערט און בלויער.

דורך דיין פענצטער וועט זיך פאַרציען
די נאַכט מיט שעה׳ן, וואָס גליען
מיט חלום אויף טעג און אויף יאָרן;

נאָר איך וועל אויפגיין און פאַרבלייבן,
ווי אַ דינער ליכטיקער צייכן
פון איינעם, וואָס איז געווען און ניט געוואָרן.

IV

כ׳וועל מיטנעמען די שיינקייט פון דיינע אויגן
אויפן ווייטסטן וועג פון מיין אייביקן וואָגל
און אַז כ׳וועל מיך צעוועקן אין גרויע פאַרטאָגן, —
וועט אויף מיר פאַלן דיין טרער, ווי אויף סטויגן

די שנירלעך פערלדיקער טוי און טראַכטן
וועל איך פון יענע טעג, העט-ווייט פאַרגאַנגענע,
אין צאַפל פון אומגעשטילטע באַנגען
אויף די ראַנדן פון פאַרחלומטע פאַרנאַכטן.

יאָ, אויף דעם ווייטסטן וועג פון מיין וואָגל
וועל איך, ווי אַ קרוין, אַ זוניקע טראָגן
דיין שיינקייט אין ליכט פון מיין אומעט

און וואו כ׳וועל שפּרייזן, וואָגלען און קומען,
וועל איך צו דיר אַן ענלעכע זוכן, —
כאָטש איינע אַן ענלעכע צו דיר געגליכן.

V

כ׳קען אויך דיין שטורעם פאַרטראָגן
און וואַרטן ביז ער וועט אַריבער,
ווייל אויך דאַן ביסטו מיר נענטער, ליבער, —
דו ווייסט עס, כ׳דאַרף עס ניט זאָגן.

כ׳דאַרף עס דיר, מיידל, נישט זאָגן,
ווייל שיין איז די שטילקייט אויך שפּעטער,
וואָס רוט אויף דיין פּנים — לויטער,
ווי אַ הימל — נאָך כמארע און רעגן;

דו ביסט דעמאָלט דורכזיכטיק-דינער
און ווי אַ בוים, אינגאַנצן אַ גרינער,
אָנגעטון אין ליכטיקע בליטן.

יאָ, מיר איז ליב אויך דיין געוויטער,
ווייל שפּעטער קלייב איך די בלומען
פון דיין רייפן זוניקן זומער.

VI

ערשט נעכטן האָט עס מיר אויסגעדאַכט:
האָסט מיך גערופֿן מיט דיין מילדן קול,
ווי אַמאָל, ווי אין דעם נאָענטן אַמאָל,
וואָס האָטביידן אונדז גליק געבראַכט.

מיר האָט געדאַכט און כ׳האָב אויפֿגעצוקט,
נאָר מיין שאָטן בלויז — צעצויגן־לאַנג,
וואָס באַגלייט מיך אין אַלייניקן גאַנג, —
האָט אַזוי אומעטיק אויף מיר געקוקט.

רונד־אַרום איז שטיל געווען. געשטילט
האָט אין אָטעם פֿאַרפֿרעסטן די שטאָט
אין רו אונטער מיין פֿאַרהילטן טראָט.

כ׳האָב מיך אין מאַנטל ענגער געהילט
און געשפּאַנט, נאָר מיר האָט אַלץ געדאַכט,
אַז האָסט מיך גערופֿן אין דער נאַכט.

VII

דעם גיר פֿון דיין געשטאַלט, דיינע רייד,
כ׳דערבליק און דערהער אין אָוונטיקן ראָז,
ווען שטאָט — מיר דאַכט — אַ שוים־פֿולע גלאָז,
זופּט זשעדנע דעם וויין פֿון איר פֿרייד.

און דו — מיט דאָרשטיק־צעפּלאַמטער ליפּ,
דו — מיט וואָרט ניט־דערזאָגטן אין דראַנג, —
דו בעטסט אין דיין באַגערנדיקן באַנג:
שטאָט, אויך מיר דיין פֿרייד, מיר גיב!

נאָר איך — כ׳שלייך מיך אין שאָטן פֿון ווענט,
ביז דיין בליק — אין גיריקייט צעברענט, —
לעשט זיך אין לעצטן פֿונק פֿון דער נאַכט.

בלויז הינטער מיר, איך הער: עמעץ לאַכט,
אַ זייגער שלאָגט וואו די שעה און מינוט
פֿון מיין הייסן אומרואיק בלוט.

1940

צו אַ מיידל

כ׳האָב דיך קיינמאָל ניט געזען, דיין שטים קיינמאָל ניט געהערט,
דו ביסט פֿאַר מיר ניט געווען, וועסט פֿאַר מיר ניט זיין, —
דאָך פֿיל איך דיין אויפֿקום אין מיר, ווי דאָס גרעזל פֿון דער ערד,
וואָס וואַקסט מיט ווייסן צווייט אין מיין דאָרשטיק געביין.

דו גייסט אויף אין מיין בלוט, ווי שטרייפֿן פֿרימאָרגנדיקער שיין.
דו גאָלדיקסט מיין איינזאַם פֿענצטער מיט וואונדערלעך ליכט;
אין דעמדאָזיקן בלענדיקן ליכט שטיין איך און קוק מיך איין,
ווי צום ליכט פֿון מיין האָפֿענונג, וואָס קומט אומגעריכט.

אַזויפֿיל פֿאַרנאַכטן, אַז די בענקשאַפֿט גייט-אויף און פֿאַרגייט,
ווי שאָטנס פֿון עלנט, וואָס וויקלען אַרום מיינע ווענט;
איך פֿאַרלאַנג דאָך ניט מער, ווי בלויז איינמאָל אין לעבן דיין פֿרייד
געבראַכט פֿאַר מיר אויף דיינע צאַרטע אָפֿענע הענט.

איך פֿאַרלאַנג דאָך ניט מער, ווי בלויז אַ וואָרט, אַ שמייכל, אַ בליק,
וואָס זאָל כאַטש איינמאָל אַ טרייסט-טון מיין לירישן געמיט
אין דעם אומרו פֿון יאָרן, וואָס קומען שוין מער נישט צוריק,
אין מיין לעבן: עליי אַ גרעזל, וואָס האָט ווען געבליט.

כ׳האָב דיך קיינמאָל ניט געזען, וועסט פֿאַר מיר קיינמאָל ניט זיין,
אייביק וועט ציען דער וועג, וואָס אונדזביידן צעשיידט — — —
דאָך פֿיל איך דיין אָנקום, ווי דאָס ליכט פֿון פֿרימאָרגנדיק שיין,
אַז וועסט נאָך איינמאָל אין לעבן מיר ברענגען דיין פֿרייד.

אַן ענלעכע צו דיר

כ'האָב היינט געזען אַן ענלעכע צו דיר, ווי ענלעך
איר שטערן, אירע ליכטיקע אויגן, דער בליק;
געווען איז אויך ענלעך דער אָונט, ווי ענלעך
צו יענעם, ווען מיר האָבן געפלוידערט פון גליק.

כ'האָב היינט געזען אַן ענלעכע צו דיר, ווי היימיש
פון איר האָט מיט עלנט, מיט אומעט געווייט;
געווען איז אויך היימיש דער דרויסן, ווי היימיש,
ווען מיר האָבן געבלאָנדזשעט, פאַרבענקטע נאָך פרייד.

כ'האָב היינט געזען אַן ענלעכע צו דיר, ווי מאָדנע
זי האָט זיך געוויגט, אַוועק אין צעפלאָטערטן ווינט;
געווען איז אויך מאָדנע דער צופאַל, ווי מאָדנע,
ווען דו פילסט, ווי דיין טרוים אין וואָר צערינט.

1932

אַז איך וועל אַוועק

אַז איך וועל אַוועק,
ווי אַ שפּאָן אויפן ים,
ווי אַ בלאַט אויפן ווינט —
זאָלסטו, שוועסטער, נישט בענקען נאָך מיר.
ס׳בענקט די נאַכט נאָכן טאָג,
דער שאָטן נאָך זון
און די גאַנצע וועלט גייט אויס פון בענקשאַפט
נאָך פרייד — — —
זאָלסטו שווייגן בלויז מיט ליכטיקע אויגן
און מיט גליאיקן צאַפּל פון דערמאָנונג,
אַז איך וועל אַוועק.

ווי אַ ווייסע שוואַן

קאָן זיין, אין דיינע האָר צווויטעט שוין די עלטער
מיט דינע פּאַסמעס גרוי
און דיין בלאָנדער שמייכל
גייט־אויס אויפן דנאָ פון דיין אויג —
אַמאָל:
אַ סאַזשעלקע בלוי,
אַ קרעניצע טיף,
קלאָר ווי קרישטאָל, —
דאָך שווימט־אום אין מיין בלוט,
ווי אַ ווייסע שוואַן —
דיין יונגע מיידל־פרייד,
וואָס האָט לאַנג באַהעלט
מיט פייערלעך מיין אָוונטיקע וועלט.

ווען מיינע נעכט

ווען מיינע נעכט — שוואַרצע טירן,
האָבן זיך צעפּראַלט צו ווינטיקע וועגן,
צו שליאַכן אָן גרוס,
אָן „גוט-מאָרגנס"
און אָן היימישן פּנים — זוניקע טרייסט,
וואָס וואַרעמט דאָס לייב אין האַרבסטיקן וואָגל, —
האָט דיין בליק —
אַ וועסלע פאַרלוירן אויף אָפענעם טייך
און דו אַליין —
אַ שיפל, וואָס טרינקט זיך, —
געבעטן,
גערופן:
העלף,
קום צוריק!
ס׳וועט דער אומעט נאָגן דיין געביין,
קום צוריק;
כ׳וועל אין די וואָלקנס פון דיין געמיט
און פון דיין אומרו,
אָנצינדן לבנות —
קום צוריק!

נישט איינמאָל

נישט איינמאָל, עלנט אין שטייניקער שטאָט,
כ'שפרייז אום מיט זשאַרענדיקע בענקשאַפטן,
מיט ברענענדיקע שנויצן פון דערמאָנונג
און פון ליבשאַפט צו דיר;
זוך דיין זינגענדיקן אָטעם,
דיין געמיט — די צעגרינטע וועלט,
וואָס האָט אָנגעכוסהט מיך מיט זון —
זוך אַן ענלעכע צו דיר!
זוך דיינע טריט —
יונגהירשיקע אויף גראָזיקן זייד;
דיינע רייד —
אַ רוישיק קוועלעכל אין סיוון-טעג
און דיך אַליין —
אַ וויים-בליטיקע בערעזע,
צעשמעקט מיט ערד, מיט פעלד, מיט דאָרף,
מיט מיין וואָלינער ליכטיקן וועסנע.

כ׳וועל דיך רופן

כ׳וועל אויפפראלן די טיר און דיך רופן:
קום!
וועט די ווינטיקע שטאָט פאַרווייען מיין רוף,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע כמאַרעלע
אין סופלאָזן הימלדיקן ים,
וואָס ציט אין אומעטיקן שווייגן איבער מיין גרויענדיקן קאָפּ.
וועל איך נאָכאַמאָל רופן,
מיט אַזאַ צאַפּל פון אַ קינד אין שרעקנדיקע נעכט:
מאַמע!
כ׳וועל רופן מיט אַלע מיינע ווייענדיקע בלוטן,
וואָס בענקען נאָך דעם הייסן אָטעם פון דיין פרייד;
כ׳וועל דיך רופן —
און ס׳וועט די איינזאַמע אַלטע פאַלמע
צעשאַרכן מיט רויש אירע דאַרע בלעטער־הענט
און די ווינטן וועלן יאָגן, ווי פאַרסאַפּעטע ברידער,
מיט ליכטיקן אָנזאָג ביז צו דיין טיר:
קום, קום!
ס׳וואַרט פאַר דיר דער רייפער גאַרב קאָרן
פון מיינע יאָרן אין זוניקן שניט
און יעדער קערנדל וועט דיר דערציילן
די וואונדערלעכע טעג פון מיין לעבן.

דאָס ליכט פֿון דיין געשטאַלט

גייט אויף פֿאַר מיר דאָס ליכט פֿון דיין געשטאַלט,
שפּרייטן אוים זיך דיינע הענט צו מיר מיט גוטסקייט,
מיט דער מילדקייט פֿון געבעט,
מיטן ברכהדיקן צאַפּל פֿון אַ מאַמען.
די ווינקלען פֿון מיין איינזאַמקייט, וואָס וואַרטן און שווייגן,
יענע שטילע שטומע עדות פֿון אַ האַלבן לעבן מיינעם, —
טרינקען זיך דאַן אין דער שטראַליקייט פֿון דיין געשטאַלט,
ליכטיקן אין דער זוניקייט פֿון דיינע אָפּגרונטיקע אויגן
און נידעריק בין איך דאַן פֿאַר דיר ווי גראָז,
שעמעוודיק בין איך דאַן פֿאַר דיר, ווי אַ קינד, —
דורך מיינע גלידער פֿלאַטערן פֿליגל פֿון דערוואַרטונג
און מיינע בלוטן לויפֿן אָן מיט זעלטענעם גרזאַנג.
גוט איז מיר, אַז דאָס ליכט פֿון דיין געשטאַלט
גייט נאָך אויף צומאָל פֿאַר מיר אין איינזאַמקייט
און כאָטש אָן אויגנבליק דערזע איך דיך,
דערהער איך דיך אין מיין זינגענדיקן בלוט.

1936

ביים לעצטן פלאַם

I

ביים לעצטן פלאַם פון טאָג,
אויף די ראַנדן פון אָוונטיקן אומעט, —
נעם מיך אַרום, טרויעריק שוועסטערל מיינס,
מיט דיינע יונגע קלאָרע הענט —
מיר האָבן זיך ביידע דערפילט און דערקענט.
נעם מיך אַרום, ביים דינסטן באַריר
וועל איך אינאיינעם מיט דיר
אויפגיין אין געזאַנג, —
ווען סטו דערהערן דעם לעצטן פאַרבענקטן קלאַנג
פון מיינע אַפגעזונגענע טעג,
וואָס זיינען אויף אַ וויטן פרעמדן וועג
אויסגעגאַן אין שטילן באַנג
אין זייער דאָרשט נאָך זוניקן וויין.
הער זיך איין, הער זיך איין,
ווי איך אַצינד מיט שפּילנדיקן בלוט, —
וועסטו, ווי איך, דערהערן די בלויע פליט
פון יענער אויסגעחלומטער פרייד,
וואָס איז ניט צו מיר
און ניט צו דיר
דערגאַנגען אויף דער שוועל פון אונדזער ביידנס זיין.
הער זיך איין, הער זיך איין,
ווי איך אַצינד מיט גאַנצן פיבערדיקן גוף, —
וועסטו, ווי איך, פאַרנעמען דעם צאַפּלדיקן רוף
פון דיין האַרץ, וואָס וויל אַזוי
און וואָס קען ניט קיינמאָל אַנדערש זיין.
הער זיך איין, הער זיך איין,
ווי איך אַצינד ביים לעצטן שנויץ פון טאָג,
ביים ראַנד פון אומעטיקן אָוונט,
וואָס לייגט זיך מיט קילן טוי
אויף דיינע צעפלאַמטע קינדער-הענט
און ס׳קומט אָן אַ נאַכט אַזאַ,
דורך וועלכער מיר האָבן זיך דערנענטערט,
דערפילט און דערקענט.

II

אויף די לילאָווע שטענגלעך טרויבן
שפּילט די זון מיט אירע לעצטע גאָלדענע שטרייפן;
די ביימלעך וויגן זיך, פאַרוויגן זיך אין שלאָף —
און דו ביסט נישט געקומען.
דער שטייניקער פלויט איז רויט פון דער שקיעה,
הינטער אים זעגט דער היישעריק אין די הויכע טונקעלע גראָזן —
און דו ביסט ניט געקומען.
אין מערב קנוילן זיך וואָלקנס, ווי גרויע גריוועס,
ווי סטאַדעס שוואַרצע הינט, —
אַ שטורעם וועט זיין אין די בערג —
און דו ביסט ניט געקומען.
אויף דער טיר פון מיין שטרויענער ראַנטשע,
אויף אירע גרויע ליימיקע ווענט,
אויף דעם הילצערנעם טיש און טאַבורעט
פאַרציט זיך דער אָוונט שטיל און שטורעמדיק —
און דו ביסט ניט געקומען.
דער אַלטער קודלאַטער הונט סאָפּעט
און טוליעט זיך צו מיינע פיס
און איך — אַ פאַרלאָפענער מיט בענקשאַפט,
מיט נאַכט און מיט שטורעם, —
שטיי אויף דער שוועל פון מיין אומעט
מיטן אָפענעם פּנים צום וויינענדיקן ווינט —
און דו ביסט ניט געקומען.

III

לאָז דעם ווינט כוואַליען דיינע האָר,
זיי זאָלן זיך צעפּאַלן איבער דיין פּנים —
ליכטיקער ווי דער פרימאָרגן אין די בערג;
דיינע בלאָנדע האָר וועל איך שפּעטער פלעכטן
אין צוויי לאַנגע גאָלדענע צעפּ
און אַריינפלעכטן וועל איך אין זיי
דעם בלויען חלום איבער דער באַרגיקער ווייט.
לאָז דעם ווינט כוואַליען דיינע האָר
און הער זיך איין צום זוניקן פליסטער,
וואָס זינגט טיף אין די טאָלן אַראָפּ, —
דאָס וואונדערלעכע געזאַנג,
וואָס גייט אויף פון דער קוסט,
אין תפילה צו דער לויטערקייט פון טאָג
און איז פול מיט דאָרשטיקע זאַפטן,
ווי איך און ווי דו מיט ערדישן דראַנג —
צום לעבן!
לאָז דעם ווינט כוואַליען דיינע האָר
און זיי גוט און שטיל,
ווי דאָס שטילע גרינע גרעזל אונטערן שטיין,
וואָס שווייגט און בענקט
און איז פול מיט ליב צו דער ערד —
דעם האַרטן שטייניקן סטעפּ,
וואָס שווייגט אויך און בענקט אויס אין אייביקן דאָרשט
די פרייד פון רעגן.
הער זיך איין צום זינגענדיקן ווינט,
וואָס קומט פון די פאַרנעפּלטע בערג
טיף אַראָפּ צו די גרינע טאָלן
און גייט אויף איבער דיין יונגן אַקסל,
איבער דיינע גאָלדענע האָר
מיט דעם אייביקן באַשייד פון לעבן.

נאָקטורן

I

נאַכט. ס׳איז טיפע נאַכט איבער מיין געביין.
הינטער די הויכע ווענט פון מיין געמיט
הער איך, ווי ס׳שטויבן זיך די נעכטנס —
נאָר דו ביסט נישטאָ.
אַרום מיין האַלדז וויקלען זיך כמארעס,
אויף מיין האַרץ רעגענען פּראַכטיקע שטערן,
ווי בלויע קריינדלעך אומעט —
נאָר דו ביסט נישטאָ.
מיט דיר איז נישטאָ דער פרימאָרגן
אויף דער זוניקער לאָנקע פון אונדזער פרילינג;
מיט דיר איז נישטאָ דאָס הויכע קאָרן —
דער גאָלדענער ים פון אונדזער חלום.
און איך רוף דיך הינטער די ווענט,
הינטער די הויכע ווענט פון דער נאַכט,
איך רוף דיך, איך וויל דיר דערציילן,
אַז אין מיין טויבנשלאַק ליגן פערציק בלויע טויבן
מיט רויט-געשטרייפטע שטילע העלדזער
און איך ווייס נישט וויפל זיינען געבליבן,
וויפל וואָרקנדיקע טויבן וועלן בלייבן אין מיין טויבנשלאַק,
ווייל אין שאָטן הענגט נאָך דראָענדיק —
דאָס מעסער איבער אים.
און דו ביסט נישטאָ,
ווען קאַלטע שטערן טריפן אויף מיין האַרץ
און דער אומעט לויפט איבער, ווי אַ גרויסער טייך
הינטער די הויכע ווענט פון מיין געמיט,
ווען טיפע נאַכט איז איבער מיר.

II

קום, זע ווי די נאַכט אויפן שוועל פון מיין אומרו
ליגט ווי אַ הימלאָזער ביי אַ פרעמדן פאָרט
און וואַרט מיט אַנגסט ס׳זאָל אָנהויבן טאָגן
איבער די העלע זעגלען פון זיין וואַנדער.
קום, זע ווי ס׳גייט אויף דער צאַפל פון זון
אויף די לאַנגע שוואַרצע פינגער פון מיין נאַכט,
וואָס מעסטן דעם מייליקן חושך און בלאָנדזשען
אַרום די בערגלעך אָנגעהויפּנטן אַש פון יאָרן, —
איבער די אַלע אויסגעוואָגלטע שטעגן פון אַ לעבן,
וואָס האָט אויסגעפלאַמט אין בענקשאַפט,
אין עלנטער בענקשאַפט אין דערוואַרטונג אויף דיר.
און וואָלסטו כאָטש איצט געקומען מיט ליכטיקע טריט,
וואָלסטו געקומען, ווי אַ זוניקער סנאָפּ
איבער דער טיפער נאַכט פון מיין אומרו, —
וואָלט איך כאָטש איינמאָל אין ליבשאַפט
געבענטשט דיינע הענט, וואָס האָבן דאָס שפּעטע ליכט
פאַר מיינע נאַכטיקע אויגן געבראַכט,
ווי דעם שכר פאַר מיינע אשיקע יאָרן.
קום, זע ווי די נאַכט אויפן ראַנד פון מיין אומרו
וואַרט מיט צאַפל ביי אַ פרעמדן פאָרט
ס׳זאָל זיך צעשפּריצן דאָס ליכט פון קאַיאָר
איבער די ליכטיקע זעגלען פון מיין וואָגל.

III

קום, טרינק אַן מיינע טרוקענע ליפּן פון שטאָטישן דאָרשט
און מיך אײַנגאַנצן מיט די ריחות פון פעלד
פון פריש־געשניטענע סטערטעס היי, —
קום, טרינק מיך אַן מיטן קילן קלאָרן טוי,
מיטן זאַפט פון דײַן גאָלדבלאָנדן דאָרפישן שמייכל.
אפשר וועל איך אויפגיין אין שיכרות
פון מיינע בלוי־גרינע דאָרפישע אַמאָלן, —
וועל איך מיך מיט אַ צעכראַסטעטער ברוסט,
מיט אַן אויפגעבונדן געמיט
אַ וואַקל טון אין די אָרעמס פון דער נאַכט, —
וועט דאָס ווערבענע פּייפל פון מיין בלוט
אין מיינע שטילע בלאָנדע פרימאָרגנס
ווידער אַ זינג טון אין מיין שטאָטיש האַרץ
מיט די זוניקסטע ניגונים, —
וועט אין מיין לייב ווידער אַ בלי טון
די פרייד פון אַ וועלט אַ בלויע.
קום, פאַרזיי אין מיין בלוט דעם רויטן מאָנבלום
פון מיינע טעג, וואָס שטייען אין ווינט
און פלאַטערן אונטער די כמאַרעס פון שפּעטן האַרבסט, —
קום, טרינק מיך אַן, אין מיין גרויסן דאָרשט,
מיט די ריחות פון פריש־געשניטן היי,
מיטן וויין פון דײַן העלן דאָרפישן שמייכל.

1939

אין דערמאָנונג

I

נאָך יאָרן, אויסגעברענט אין אַש אויף מיין יונגן קאָפּ,
נאָך טעג — צעדראָשענע זאַנגען אויפן פעלד פון מיין לעבן,—
גייט אויף דיין געדעכעניש, ווי אַ פאַרבאָרגן ליכט,
אין די מינוטן פון בענקעניש צו דיר.
באַנגלעך־אומרואיק לויפט אום אין מיין בלוט
דיין שטיל טרייסטנדיק וואָרט,
וואָס האָט מיך דורך טריבע נעכט מיט האָפענונג באַזעלט;
דיין בלויער בליק,
דיין בלאָנדער שמייכל
אין די טעג פון כמאַריקן געמיט,
ווי דאָס ליד — דאָס געזאַנג פון מיין בלוט,
דאָס געזאַנג פון מיין לעבן.
נאָך יאָרן — פאַרוועלקטע בלעטער
אין האַרבסטיק־ווינטיקן געפלי
איבער אומבאַקאַנטע ווייטע וועגן,
איבער פרעמדע לענדער און ימען
העלט דיין אָנדענק, ווי דאָס גרויסע ליכט,
פון מיין בענקעניש צו דיר.

II

ווי גוט וואָלט מיר געווען,
ווען כ'זאָל דיך נאָך איינמאָל זען,
ווי די לעצטע געזעגענונג,
דער לעצטער צוק אין מיין גורל-פרייד,
וואָס איז געווען און וועט מער פאַר מיר נישט זיין, —
אָ, ווי גוט וואָלט מיר דאַן געווען!
כ'ווייס און כ'שעם מיך צומאָל מיט מיין ליד
אפילו פאַר מיר אליין,
ווען איך מעדיטיר און מיין,
אַז דורך דעם-אָ ליריש-שטילן וואָרט
וועט מיר לייכטער זיין,
אַז כ'וועל צופאַלן צו מיין אויסגעבענקטער וועלט,
ווי כ'פלעג צופאַלן צו דיר מיט מיין אויסגעדאָרשטן גוף
און אָן וואָרט, בלויז שטילערהייט,
דערפילן די טיפסטע מענטשלעכע פרייד,
ווי אַ זון אָן אויפגעגאַנגענע אין מיין געביין.
אָ, ווי איך שעם מיך פאַר מיר אליין,
ווען איך שרייב דידאַקטישע שורות און מיין,
אַז ווען כ'וואָלט דיך נאָך איינמאָל דערזען,
וואָלט מיר גוט געווען, אַזוי גוט געווען.

III

די ערשטע באַגעגעניש. געדענקסטו אונדזער ערשטע באַגעגעניש,
ווי געוויינלעך און יום־טובדיק זי איז געווען.
דער טאָג איז געשטאַנען צווישן אונדז
מיט גרויסע בלויע זוניקע אויגן
און דו, ווי טאָג, האָסט געשמייכלט אויך אַזוי —
בלוי און זוניק.
איך האָב דאַן געמיינט, אַז די ערשטע באַגעגעניש
וועט שוין אייביק זיין,
ווי די אייביקע ליכטיקע דערקענטעניש,
וואָס ווערט אַלץ פולער און רייפער,
ווי אַ פּאַרטיקע זיסע פּרוכט אויף דער צווייג
פון אונדזער ביידנס צייטיקער וועלט.
די ערשטע באַגעגעניש. ווי הימלעך
האָבן געזונגען די ביימלעך
אין דער טיפער אַלייע פון אונדזער פאַרליבטקייט;
ווי לופטיק די הימלען האָבן שמייכלענדיק געבלויט,
ווי די פייגל אין די קושאַקעס האָבן זיך געקושט און געפּרייט
און געזונגען האָבן זיי, ווי מיר,
מיט טיפער, באַהאַלטענער פרייד.
די ערשטע באַגעגעניש.
ווי פרייד־פול, זינגענדיק זי איז געווען.

IV

דערמאָן זיך, ווי איך, אַצינד, אין גרעניצלאָזער בענקשאַפט,
אין יענעם לעצטן וואונדערלעכן זומער־באַגין,
ווען מיר האָבן געבלאָנדזשעט דורכן סאָסנע־וואַלד,
דורכן גאָלדענעם זאַנגיקן ים,
דורך פרעמדע באַגרינטע סטעזשקעס,
ווען די וועלט, נאַרוואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען,
אָנגעטון אין איר ראָזעווען פרימאָרגנראָק, —
האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ ליכטיקן שמייכל
און מיר ביידע (אָ, ווי די דערמאָנונג לעבט אין מיר!)
אָנגעכוסהטע מיט באַגינען־ריחות פון וואַלד און פעלד
און מיט אַזאַ זיס־פאַרליבטע מידקייט,
וואָס האָט זיך געצויגן, ווי האָניק אין אונדזערע גלידער,
אין אונדזער גוף — איין גוף,
אין אונדזער געמיט — אַ ליד,
אַזוי גרוים און פריידיק, שיר ניט, ווי די גאַנצע וועלט,
וואָס איז געשטאַנען הינטער, קעגן, אַרום און איבער אונדז
און מיט לאַנגע דינע שטראַלנהענט
זי האָט אונדז פאַרוועבט און פאַרוויקלט
מיט חלום און מיט טרייסט, —
אָ, דערמאָן זיך, ווי איך, אַצינד
אויך דו — אין גרעניצלאָזער בענקשאַפט,
אין יענעם לעצטן ליכטיקן באַגין פון אונדזער לעבן.

1938

צו אַ פרוי בײַנאַכט

כ'האָב דיך געזען אויף דער פינצטערער שוועל פון דער נאַכט,
ווי אַן אָפּגעבריענטע שיף ביים ברעג פון אַן אַלטן פּאָרט —
אַזוי אויסגעלאָשן, אַזוי שווייגנדיק, אַזוי אומעטיק.
פון דײַנע אויגן — צוויי טויטע טויבן אויפן צעמענט פונעם ברוק, —
האָט זיך געשנירלט דאָס שטילע בלוט פון אַ געקוילעטן חלום,
יענער חלום, וואָס ווערט אין אונדז געבוירן שטאַרבנדיק
און וואָס שטאַרבט אין אונדז לעבנדיק.
פון דער רונדיקער לבנה — דאָס טויטע אייביקע בוך פון דער נאַכט,
האָבן זיך געשאָטן די שטערן, ווי בלויע ציטערנדיקע אותיות
און ווער ס'האָט געהאַט אויגן, דער האָט געקענט זען,
אַז דידאָזיקע שטערן־אותיות האָבן אויפגעשריבן
אין דײַנע בלויע שורהלעך אויף די טאָוולען פון דער נאַכט
דאָס אומענדלעך־מענטשלעכע ליד פון אַלע דײַנע טעג —
שיפן פון אַש, וואָס דער ווינט האָט זיי הויפנווייז צעזייט
איבערן ווייטן אומרואיקן ים פון דײַן אומעט.
איך בין צוגעגאַנגען צו דיר, אָנגענומען דײַנע הענט — צעבראָכענע וועסלעס,
און געזאָגט: שוועסטער, שוועסטער פון דער נאַכט, מײַנע!
צעוועק זיך, שטיי־אויף, ווי דער פעניקס — ניי און באַלעבט, —
שוועסטער מײַנע, שטיי־אויף פון דײַן אַש, פון דער נאַכט!
נאָר מײַן קול, ווי אַ געשאָסענער פויגל, איז אַראָפּ צום ברוק,
מײַנע ווערטער — צעקרישלטע אין ערדענע שערבלעך,
זײַנען געבליבן צעוואָרפן אויפן ליידיקן טראָטואַר פון דײַן עלנט.
די ליכטיקע אַקאַציעס אויף די ראָגן האָבן זיך אַרומגענומען,
האָבן זיך געטוליעט איינס צום צווייטן, ווי שוועסטער
און דער, וואָס האָט געהאַט אויערן, האָט געקאָנט הערן,
ווי זייער כליפּ איז געלאָפן, זיך גערינגלט אין געוויין, —
דאָס געוויין פון יענעם חלום, וואָס ווערט אין אונדז געבוירן שטאַרבנדיק
און וואָס שטאַרבט אין אונדז לעבנדיק.
די נאַכט, ווי אַ בלינדע סאָווע, איז געשטאַנען פאַרגליווערט,
אין אירע אויגן האָט געגליט דער גרינער זשאַר פון דײַן וועלט,
וואָס איז אַוועק אויף שיפן פון אַש און דער ווינט האָט זיי צעזייט
איבערן אומענדלעכן ווייטן ים פון דײַן אומעט.

אינהאַלט

זונגלי

זייט

ליד מיינס 9

פאַרגעסענע זאנגען I II III IV V VI VII VIII IX X XI XII XIII XIV 10

אין פאַרטאָגיקן בלוי I II III IV V VI VII VIII 24

תפילה צו אַ בוים 32

וואָלט איך זיין 35

אַ בוים אין פעלד 36

צומאָל דערפיל איך 37

די נאַכט 38

וויגט זיך אין מיין טיר 39

מיינע פיראונצוואנציק שעה 40

כ׳האָב היינט דעם טאָג 41

טרייסט 42

רוף זיך אָפּ 43

פאַרשטעל מיר נישט די זון 44

זון איבער מיר 45

אין רויטן אָוונטשיין 46

העק אין מיין הויף 47

אין שטאָטישן פלאָנטער 48

ווי אַ וואָגלער 49

אַ מענטש אזא ווי איך I II III 50

אין מיינע טיפענישן 53

אויף די ראַנדן פון מיין וועלט 54

הארץ מיינס 55

מיין פענצטער אין ווינט 56

שטילערהייט 57

אין דער פרעמד I II III IV 58

בעטהאָווען 62

היימוועלט-וויי

דורך שאָטנס פון וועלט־נאַכט 67

אויף די סטרונעס פון הארבסט I II III IV 68

אין דער גרויסער שטאָט I II III 72

סעפּטעמבער I II III 75

אַז מיין שטעטל כאַפּט זיך אויף 78

מאַמע 81

	ז יי ט
א געשטאַלט אין דער נאַכט	82
פּסאַלמען I II III	83
Andante Cantábile	85
איך גיי און זינג	86
גיב מיר אָפּ מיין חלום	87
שפּילט אין מיר א פלייט	88
בלוט און בליט I II III IV	89
מיינע אויגן טרינקען דעם אומעט	93
הינטער אונדז פאַרגייט די זון	94
הער זיך איין צום ווינט	95
דאָס אויג פון דער נאַכט	96
אין פאַרבאָרגעניש I II III	97
דאָס לעצטע ליד I II III	100
די וויזיע פון בלוט I II III IV	103

ליבשאַפט

סאָנעטן I II III IV V VI VII	109
צו א מיידל	116
אַן ענלעכע צו דיר	117
אַז איך וועל אוועק	118
ווי א ווייסע שוואַן	119
ווען מיינע נעכט	120
נישט איינמאָל	121
כ'וועל דיך רופן	122
דאָס ליכט פון דיין געשטאַלט	123
ביים לעצטן פלאַם I II III	124
נאָקטורן I II III	127
אין דערמאָנונג I II III IV	130
צו א פרוי ביינאַכט	134

דאָס בוך איז געענדיקט געוואָרן דרוקן
דעם 5טן אָקטאָבער 1944 אין דרוקעריי
„אָפּטימוס", וו. גאַמעז 2719, בוענאָס איירעס
אַרגענטינע.